THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
MAR 23 1926
ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATION

N. Y. Public Library
476 Fifth Ave.
New York, N. Y.

The Daily Hebrew Journal

דער אידישער זשורנאל

A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over CANADA And Abroad

פאליטיש אונאפהענגיג נאציאנאל
א צייטונג וועלכע גיט פרייהייט פון אויסדרוק צו אלע שיכטען.

VOLUME XIII No. 4724 TORONTO TUESDAY MARCH 9.1926. יום ג' כ"ג אדר, פרשה ויקהל־פקודי, תרפ"ו. טאראנטא, דינסטאג, דער 9־טער מערץ, 1926. PRICE THREE CENTS

נאציאנען ליעג אין לאקארנא אפמאך אין געפאהר צוליעב סכסוך איבער פוילען

גרויסע נאציאנען קענען זיך ניט איינינען. — אלע זענען געקומען אין זשענעווא מיט באזונדערע מיינונגען. — גראף אישי פון יאפאן האט געעפענט די ספעציעלע זיצונג פון דער נאציאנען ליעג.

עקס פרעמיער פון פארטוגאל פארזיצענדער

זשענעווא, מערץ, 8.

די ספעציעלע זיצונג פון דער נאציאנען ליעג איז דא היינט געעפענט געווארען אונטער'ן פארזיץ פון גראף אישי פון יאפאן.

עפענענדיג די זיצונג האט דער גראף ערקלעהרט, אז די ספעציעלע זיצונג וועלכע איז די ערשטע אין דער געשיכטע פון דער נאציאנען ליעג, איז זעהר וויכטיג פאר דער מענשהייט פון דער גאנצער וועלט.

דייטשלאנד, די גרויסע נאציאן האט זיך פארגעשלאגען אלס מיטגליעד אין דער נאציאנען ליעג, און איך זעה אין דעם, האט דער גראף פארגעזעצט, א צייכען פון פריעדען פאר דער גאנצער וועלט.

גלייך נאכדעם איז די קרעדענשעל קאמיסיע צוגעטראטען צו דער ארבייט, און די זיצונג איז געשלאסען געווארען אויף א שטונדע. שפעטער איז אנאנסירט געווארען, אז די. אלפאנזא רע'קאסטא, דער געוועזענער פרעמיער פון פארטוגאל איז ערוועהלט געווארען פאר־זיצענדער פון דער נאציאנען ליעג מיט א מאיאריטעט פון 36 שטימען.

ליעג אין געפאהר

די פארטרעטער פון דייטשלאנד, ענגלאנד, פראנקרייך, בעלגיען און איטאליען האבען לאנג קאנפערירט איידער די זיצונג האט זיך געעפענט, און טראצדעם וואס קיין אפיציעלער סטייטמענט איז ניט ארויסגעגעבען געווארען, דאך ווייסט מען, אז זיי האבען דעם סכסוך ניט געענדיגט און צוליעב דעם איז די גאנצע נאציאנען ליעג צוזאמען מיט'ן לאקארנא אפמאך אין געפאהר.

ווי באקאנט איז דער סכסוך צוליעב פוילען.

דייטשלאנד פאדערט, אז ביז נאכדעם ווי זי וועט ווערען א מיטגליעד אין קאנסיל ראטה קען קיין רייד ניט זיין וועגען ארייננעהמען נאך וועלכע עס איז נאציאנען און אויב די דאזיגע פאדערונג וועט ניט נאכגעגעבען ווערען, וועלען פאהרען די דעלעגאטען אהיים.

ענגלאנד ווידער טענה'ט, אז אויסער דייטשלאנד זאל אויך שפאניען באקומען א פערמאנענטען פלאץ אין קאנסיל.

פראנקרייך טענה'ט, אז עס איז ניט הכרחות נויטיג, אז פוילען זאל באקומען א פערמאנענטען פלאץ, זאל עס זיין א צייטווייליגער פלאץ, אבי זאל ארייגענומען ווערען.

שוועדען ווידער האלט אז בלויז דייטשלאנד זאל אריין אין קאנסיל און קיין אנדערע.

דער רעזולטאט איז אז מען איז צו־ריסען צווישען זיך און מען קען צו קיין באשלוס ניט קומען. ליידען פארשטעהט זיך וועט דערפון די נאציאנען ליעג. מען האפט אבער, אז עס וועט זיך נאך ווי עס איז אויסגלייכען.

ארכעאלאג לייקענט די מעגליכקייט אז אידען האבען באאיינפלוסט די ציווילזאציע אויף דער זייט ים

וואנקאווער, מערץ, 8.

באקאנטע ארכעאלאגען און עטהנאלאגען לייקענען די מעגליכקייט אז די אידען האבען געהאט אן איינפלוס אויף דער ציוויליזאציע אויף די פאסיפישע ברעגען אינ'ם 10־טען אדער 11־טען יאהרהונדערט, וועגען וועלכער עס איז באריכטעט געווארען לעצטע וואך.

פראפעסאר טשארלס היל־טאוט אן אלטער ארכעאלאג איז ארויסגעקומען מיט אן ערקלעהרונג, אין וועלכער ער זאגט אז די דאזיגע מיינונגען האבען קיין באדען ניט און אז ער איז איינשטימיג מיט די אנדערע פראפעסארען וועלכע זאגען דאס זעלבע.

לויט דער פראפעסאר ערקלעהרט האט ער זיך נאך מיט 30 יאהר צוריק אנגעשטויסען אויף דער דאזיגער טעאריע, אבער ער האט עס אונטערזוכט און געפונען, אז זי איז ווערטלאז. עס איז מעגליך זאגט ער אז עטליכע אידען זענען געקומען מיט די כינעזער אינ'ם ע' שטען יאהרהונדערט צו די פאסיפישע ברעגען, אבער עס איז אונמעגליך זיי זאלען קענען געווען באאיינפלוסען אדער איבערמאכען א גאנצע נאציאן.

די טעאריע איז, אז כינעזער זענען אריבער דעם פאסיפישען ים מיט צוויי אדער דריי טויזענט יאהר צוריק.

קינדער וועלען קענען מאהנען שאדענערזאץ פאר'ן טויט פון עלטערן

פ. ה. קיפער, א קאנסערוואטיווער פארלאמענט מיטגליעד האט היינט אריינגעבראכט א געזעץ־פראיעקט אין דער לעגיסלאטור פון אנטעריא, לויט וועלכען קינדער וועלען קענען מאהנען שאדענערזאץ אויב זייערע עלטערן ווערען באשעדיגט אדער געטויטעט אין אן אויטאמאביל אונגליק.

דאס געזעץ ווי עס איז יעצט קענען עלטערן מאהנען פאר'ן טויט פון א קינד אין אן אויטאמאביל אונגליק, אבער קינדער קענען ניט מאהנען פאר'ן טויט פון עלטערן.

דער דעפוטאט האט אנגעוויזען אויף דער ניט ריכטיגקייט פון דעם, אז ווען ארימע קינדער בלייבען אהן עלטערן זאלען זיי ניט קענען מאהנען קיין שאדענערזאץ פאר דעם.

עס איז זעהר מעגליך, אז דער נייער געזעץ־פראיעקט וועט אנגענומען ווערען.

האבען צוגענומען פאר 3000 דאלאר צירונג

פארט וויליאם, אנט., מערץ, 8.

גנבים האבען זיך אריינגעבראכען אין דער דזשועלרי סטאר פון מאקס האלטער אויף סימפסאן סטריט, און זיי איז געלונגען צו אנטלויפען מיט צירונג פאר איבער דריי טויזענט דאלאר.

אריינגעבראכען זיך האבען די גנבים אין סטאר ביינאכט און האבען אויפגעריסען אן אייזערנע קאסע איידער זיי איז געלונגען צו באקומען די צירונג.

די פאליציי האט נאך ביז יעצט ניט קיין שפור פון די גנבים.

דייטשע בירגער פון „משה'ס גלויבען" ווילען ניט העלפען פאלעסטינע

בערלין, מערץ, 8, (איטא).

ביי דער יעהרליכער פארזאמלונג פונ'ם צענטראלען פאראיין „דייטשער בירגער דאס יודישע גלויבען" איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע זיך ניט צו באטייליגען אין דער ארבייט צו העלפען אויפבויען פאלעסטינע.

די דאזיגע רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען נאכדעם ווי זי איז שטארק דעבאטירט געווארען פון פיעלע מיטגלידער, איינינע זענען געווען מיט דער מיינונג, אז אין דער ארבייט פאר'ן קרן היסוד דארף מען זיך יא באטייליגען.

די רעזאלוציע וועלכע איז אנגענומען געווארען פאדערט אויף די 80 טויזענט מיטגלידער פונ'ם פאראיין ניט אנטייל צו נעהמען אין וועלכער עס איז ארבייט פאר פאלעסטינע דערפאר וואס די דאזיגע ארבייט טראגט א נאציאנאלען כאראקטער.

די רוטענבערג קארפארייש'ן האט באקומען די עלעקטריק קאנצעסיע אין פאלעסטינע

הײ קאמישיאנער פון פאלעסטינע האט אפיציעל אונטערגעשריבען דאס געזעץ לויט וועלכען די קארפארייש'ן באקומט די קאנצעסיע. — קארפארייש'ן איז געגרינדעט מיט א קאפיטאל פון אכט מיליאן דאלאר

ירושלים, מערץ, 8, (איטא).

דער הייקאמישיאנער פון פאלעסטינע, לארד פלומער, האט פרייטאג אפיציעל אונטערגעשריבען דעם געזעץ־פראיעקט לויט וועלכען די פאלעסטינע עלעקטריק קאנצעסיע באקומט די רוטענבערג קאמפאניע.

א צייטווייליגער אפמאך צווישען רוטענבערג'ן און דער פאלעסטינער רעגירונג איז געמאכט געווארען אין 1921 לויט וועלכען רוטענבערג וועט באקומען די קאנצעסיע אויב אין צייט פון צוויי יאהר וועט א געזעלשאפט צוזאמענגעשטעלט ווערען. גלייך נאכדעם זענען אויפגעשוואומען געוויסע שוועריגקייטען וועלכע זענען דורך דער צייט באזייטיגט געווארען, און יעצט האט פלומער איבערגעגעבען די קאנצעסיע צו דער רוטענבערג קאמפאניע.

קאמפאניע מיט א קאפיטאל פון אכט מיליאן דאלאר

„די פאלעסטינע עלעקטריק קארפארייש'ן לימיטעד" מיט אן אויטאריזירטען קאפיטאל פון אכט מיליאן דאלאר, פון וועלכער די דירעקטארען זענען רוטענבערג, האלפערין, ניירייטש און פרענט, די פארטרעטער פון דער „פיקא" זענען הר. מאנגעס און שער.

די דאזיגע קארפארייש'ן האט יעצט די קאנצעסיע פון עלעקטריק אין פאלעסטינע. זי קאנטראלירט אויך אלע שערס פון דער יפו עלעקטריק קארפארייש'ן, וועלכע באטרעפען 450 טויזענט דאלאר.

אידען נעהמען א טעטיגען אנטייל צו שאפען א האלבען מיליאן דאלאר פאר'ן קינדער האספיטאל

דער קאמפיין צו שאפען א האלבען מיליאן דאלאר פאר'ן היגען קינדער האספיטאל, אין וועלכען די אידישע טאראנטא נעהמט א גרויסען אנטייל איז יעצט אין פולען גאנג.

ביי א לאנטשאן וועלכער איז נעכטען געהאלטען געווארען אין קינג עדווארד האטעל איז אנאנסירט געווארען, אז פינף באזונדערע אידישע „טימס" אונטער *דער פיהרערשאפט פון הערי ראטענבערג, דער טשערמאן פון דער צדקה פעדעראציע ארבייטען טעטיג צו זאמלען פאר דעם דאזיגען צוועק.

די קעפטיינס פון די „טימס" זענען אלה: נאטהאן פהיליפס, אב. קאהן, וו. גידעס, י. קאפלאן און בערט פריד.

אידען האבען געגעבען גרויסע ביישטייערונגען

לויט עס איז אנאנסירט געווארען האבען די פאלגענדע אידען געגעבען באדייטענדע ביישטייערונגען:

סעמועל בענדזשאמין קא 2000 דאלאר, 1000 דאלאר פון יאלעס און ראטענבערג, 1000 דאלאר פון ראבערט קאהן און זיין זוהן ארטהור, 1000 דאלאר פון בראדי דרימאן, 1000 דאלאר פון ל. א. מארק, 1000 דאלאר פון ס. ל. נאטאנסאן און זיין פירמע, „די פיימאוס פלייער" גיט פריע „פובליסיטי" פאר'ן קאמפיין אין די טעאטערס.

די „טימס" וועלען באזוכען אלע געשעפטס־לייט אין שטאדט און זעהען אז די אידען זאלען בייטראגען זייער חלק צו דעם דאזיגען נאבעלען צוועק.

די נויטיגקייט פון דער סומע

דער היגער קינדער האספיטאל, וועלכער איז אזוי וויכטיג פאר דער שטאדט איז יעצט צו קליין צו באהאנדלען אלע פעהלע און די פערוואלטער האבען דעריבער באשלאסען צו בויען אן אפטיילונג אויסערן שטאדט, וועלכע וועט פיעל פארלייכטערען די ארבייט אין שטאדט, און דערצו איז נויטיג א האלבער מיליאן דאלאר.

פראטעסטירען צום סיטי קאנסיל

דער טריידס און לייבאר קאנסיל האט נעכטען אין א בריעף צום סיטי קאנסיל, שטארק פראטעסטירט געגען דעם וואס ציגעל געמאכט פון ארעסטאנטען אין געפענגנעס ווערט גענוצט פון די קאנטראקטארס, וועלכע בויען די רעגירונגס געביידע אין עקזהיבישאן פארק.

דער טריידס און לייבאר קאנסיל מאכט אויפמערקזאם אויף דעם וואס צוליעב די דאזיגע מאטעריאלען געמאכט פון ארעסטאנטען האבען די ארבייטער ניט וואס צו טאן.

א וויזיט אויף א טאג אין פאלעסטינע

ירושלים, מערץ, 8, (איטא).

קאלאנעל האוז, דער פערזענליכער פריינט פונ'ם געוועזענעם פרעזידענט ווילסאן, איז היינט אנגעקומען אין חיפה ער איז באגעגנט געווארען פון אינזשינער פעוסנער, אינ'ם נאמען פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און דער אידישער קהלה פון חיפה.

קאלאנעל האוז האט באזוכט דעם טעכניקום און הדר הכרמל און פון דארטען איז ער געפאהרען נאך נצרת.

דעם זעלבען אוונט איז דער קאלאנעל אפגעפאהרען נאך אמעריקא.

היינט ווארימער

אין די לעצטע עטליכע טעג איז געווען שטארק קאלט און דער וועטער נביא פארשפרעכט אז היינט וועט ווערען ווארימער.

מען האט איהם אין האטעל ניט געוואלט געבען עסען ווייל ער איז א איד

פאר ריכטער לאני אין אסייז געריכט האט זיך נעכטען אנגעהויבען דער משפט פון דר. ב. קאהן, זיין פרוי, און דר. מאריסאן, וועלכע מאהנען 50 טויזענט דאלאר שאדענערזאץ פונ'ם ראיאל קאנאט האטעל פון האמילטאן, דערפאר וואס לעצטען יולי האט מען די קלעגער אנטזאגט צו באדינען אינ'ם דאזיגען האטעל.

די פארטיידיגונג פארענטפערט זיך אז דר. קאהן, וועלכער איז א איד און דר. מאריסאן, וועלכער איז א נעגער זענען פון אזא קלאס מענשען, וועלכע וואלטען געשטערט די געסטען פון האטעל, דאס הייסט, די אנדערע געסט וואלטען זיי ניט געוואלט ליידען.

פיער לאקייען פון ביידע צדדים זוכען צו באווייזען פאר'ן ריכטער, א. זייער צד איז דער גערעכטער.

פון דאס עדות זאגען ביז יעצט שטעלט זיך ארויס אז אינ'ם האטעל האט מען די קלעגער ניט געוואלט געבען עסען, אבער לויט'ן ענטפער פון די אנגעקלאגטע איז עס געווען דערפאר וואס דער האטעל איז געווען איבערפולט. אבער ניט דערפאר וואס קאהן איז א איד און מאריסאן א נעגער.

אויסהערענדיג די עדות פון ביידע צדדים האט ריכטער לאני ערקלעהרט, אז אין קענעדע ווערט ניט געמאכט קיין אונטערשייד צווישען ראסען און נאציאנען און פון דעם וואס ער האט ביז יעצט געהערט איז ער זיכער, אז וואלט דר. קאהן געווארט, וואלט ער באקומען א מאהלצייט.

זיין ענטשיידונג איז דעריבער געווען צוגונסטען די אנגעקלאגטע אהן קאסטען.

בעלי בתים אנטזאגען זיך פון ארביטריישאן

נוי־יארק, מערץ, 8, (איטא).

רבי סטיפען ווייז אלס פארזיצענדער פון א קאמיסיע צו זעהען ענדיגען דעם בלוטיג־פארצויגענעם סטרייק, וועלכער ווערט אנגעפיהרט אין פאסעיק, איז אנגענומען געווארען פון די סטרייקער, זיי זענען צופרידען, אז די דאזיגע קאמיסיע זאל ארביטרירען.

די בעלי בתים אבער האבען זיך אין גאנצען אנטזאגט פון ארביטריישאן און ווילען ניט, אז אימיצער זאל זיך אריינמישען.

בריאן וועט פארמירען א קאבינעט

פאריז, מערץ, 8.

עס איז זעהר מעגליך, אז אריסטיד בריאן וועט ווידער פרובירען צו פארמירען א קאבינעט מיט קאיא'ן אלס פינאנץ מיניסטער. אין פאליטישע קרייזען רעכנט מען, אז דאס וועט איהם געלינגען.

צום רומענישען אנטיסעמיטיזם איז קיין גלייכען ניטא אין אייראפא, זאגט לוסיען וואלף

באריהמטער כלל טוער ערקלעהרט אז מען קען נאך דערווייל קיין זאך ניט טאן געגען דעם ביז נאך די וואהלען אין רומעניען. — „יקא" זאגט אז זי טוט א סך ארבייט פאר אידען.

לאנדאן, מערץ, 8, (איטא).

די אנטיסעמיטישע אגיטאציע אין רומעניען האט דערגרייכט אזא שטופע צו וועלכער קיין גלייכען קען ניט געפונען ווערען, האט היינט ערקלעהרט לוסיען וואלף ביי דער פארזאמלונג פון דער אנגלא־דזשואיש באארד, אבער עס איז ניט ראטזאם אז וועלכע עס איז עפענטליכע שטעלונג זאל גענומען ווערען מצד דער דזשואיש פארען קאמיטע ביז נאך די אלגעמיינע וואהלען אין רומעניען.

וואלף האט אויך באריכטעט וועגען דעם, אז יעדע רעליגיעזע ערציהונג אין סאוויעטען רוסלאנד ווערט אונטערדריקט, אבער דאס וועט פארהאנדעלט ווערען ביי דער ספעציעלער פארזאמלונג פון דזשאינט וועגען איינצעלהייטען וועלען פארעפענטליכט ווערען.

וועגען דער פראגע אז די דזשאינט זאל ארבייטען האנט אין האנט מיט דער אמעריקאנער דזשואיש קאמיטע אין רוסלאנד האט וואלף ערקלעהרט, אז דערווייל איז עס אונמעגליך, ווייל ענגלאנד אנערקענט סאוויעטען רוסלאנד און אמעריקא ניט.

לוסיען וואלף האט אויך אפגעגעבען א פאלשטענדיגען באריכט וועגען די מאראנען אין פארטוגאל.

בראטיאנא רעגירונג געפאלען

לויט די היגע „פאסט" מעלדעט, איז די בראטיאנא רעגירונג אין רומעניען געפאלען.

„יקא" פארענטפערט זיך

די „יקא" האט היינט ארויסגעגעבען אן ערקלעהרונג, אין וועלכער זי ענטפערט אויף די אטאקען וועלכע זענען אויף איהר געמאכט געווארען פון איינינע צייטונגען, אז זי קימערט זיך ניט פאר די אידען אין אייראפא.

אין דער ערקלעהרונג ווערט אנגעוויזען די ארבייט וועלכע די „יקא" טוט אין פוילען, רוסלאנד, רומעניען.

אנדערע אייראפאיאישע לענדער און ארגענטינא און בראזיליען. אין רוסלאנד זאגט די „יקא" ארבייט זי האנט אין האנט מיט דער „אגרא דזשאינט" און אז די אידען וועלען בעסער פראגרעסירען אויפ'ן לאנד איידער אין די שטעדט.

פאגראמשטשיקעס באפרייט פון א העכערען אוקראינער געריכט

מאסקווע, מערץ, 8, (איטא).

דאס העכסטע געריכט פון אוקראינא האט אומגעווארפען דעם אורטייל פונ'ם לאקאלען געריכט פון סטאניסלאווטשיק און האט באפרייט די לאקאלע בעאמטע וועלכע האבען טעראריזירט די גאנצע אידישע באפעלקערונג.

די אנטיסעמיטישע בעאמטע האבען איינפאך פארבאטען דאס לעבען פון די אידען אין'ם דאזיגען שטעטעל.

א נייע אונטערזוכונג האט באוויזען, אז די בעאמטע האבען קאנטראלירט דאס גאנצע שטעטעל און אז זיי זענען געווען שטרענגע פאגראמשטשיקעס און אנטיסעמיטען, אבער ניט אכטענדיג אויף דעם אלעמען האט זיי דער העכערער געריכט באפרייט.

וואסער פארפלייצונג מאכט אן א חורבן אין ווילנא און אומגעגענד

ווילנא, מערץ, 8, (איטא).

צו דעם יעצטיגען שרעקליכען עקאנאמישען קריזיס וועלכער הערשט אין פוילען איז נאך צוגעקומען א וואסער פארפלייצונג.

די „ווילייקא" איז אריבער די ברעגען און האט פארפלייצט פיעלע אידישע הייזער.

פיעלע דערפער וועלכע ליגען ביים ברעג פון טייך ארום ווילנא זענען אין גאנצען פארטרונקען, אנטאקאלי א' זווירזעניק זענען פארטרונקען.

ביז יעצט איז נאך ניט פעסטגעשטעלט געווארען אויב ווער עס איז, א'ז אין דער פארפלייצונג אומגעקומען, אבער דער פינאנציעלער שאדען איז א זעהר גרויסער.

א בירגער קאמיטעט איז צוזאמענגעשטעלט געווארען צו העלפען די וועלכע האבען געליטען פון דער פארפלייצונג.

שמייכעלט ביי דער לויה פון דאס קינד וועלכעס זי האט געהאלפען טויטען

פיטערבארא, מערץ, 8.

היינט איז געווען די לויה פון דזשאהן דאיער וועלכער איז געשטארבען פון הונגער און פאר וועמענס טויט זיין פאטער שטעהט אונטער א מארד קלאגע, און זיין שטיף מוטער אונטער א קלאגע פון טויט שלאג.

ווען דער פאטער איז געבראכט געווארען צו זעהען דעם טויטען קערפער איז ער געווען שטארק גערירט. די מוטער ווידער האט בלויז א שמייכעל געטאן.

די גאנצע באפעלקערונג איז שטארק אויפגעבראכט, איבערהויפט געגען דער שטיף־מוטער, וועלכע האט געלאזען הונגערען דאס קינד און אליין האט זי געלעבט א גוטען טאג.

5000 דאלאר פאר די אידען אין רומעניען

נוי־יארק, מערץ, 8, (איטא).

דער פאראיין פון רומענישע אידען אין אמעריקא האט זונטאג ביינאכט געגעבען א באנקעט אין אסטאר האטעל לכבוד זייער גאסט דעפוטאט דר. וו. פילדערמאן, וועלכער איז דער פארזיצענדער פונ'ם אידישען פארבאנד אין רומעניען.

ביים באנקעט איז געזאמעלט געווארען פינף טויזענט דאלאר פאר די אידען אין רומעניען.

לואיס מארשאל, ריכטער מעק, פאראמאן קארין, לעאן וואלפסאן און דערנאסט האבען גערעדט.

פרינץ אבאלעסקא א פאלקס קאמיסאר

מאסקווע, מערץ, 8.

פרינץ וואלעריאן אבאלענסקי, וועלכער באלאנגט צו איינער פון די עלטעסטע אריסטאקראטישע פאמיליען פון רוסלאנד איז יעצט א מיטגליעד פונ'ם ראטה פון פאלקס קאמיסאריאט.

דער פרינץ איז ערוועהלט געווארען אין די לעצטע וואהלען.

אין ניקאלאיס צייטען

אינטערעסאנטער ראמאן פון די לעצטע טעג פון דער רוסישער רעגירונג

פון דר. ה. מ.

(פארזעצונג)

— פארפאלען, האט דער דאקטאר געענטפערט.

ביידע האבען איניגע מינוטען געשוויגען, אויף דעם דאקטארס געזיכט איז געלעגען ווי א שאטען און אויף קאבודקינס געזיכט איז די פארצווייפלונג געלעגען און פון זיינע אויגען האט זיך געגאסען טרעהרען.

— יא, די ליעבע איז אזא גיפטיגע שלאנג, וואס ווען זי לאזט אין עמיצען איהר גיפט אריין איז יענער פארלארען, האט דער דאקטאר געזאגט, זי ווירקט, ניט נור אויף פרויענהערצער אזוי שלעכט, ווען זי גרייפט אן א מאנספערזאן, איז ער אויך ניט זיכער פון שווינדזוכט זאגאר פון וואהנזין. שטעלט אייך פאר הער קאבודקין, מיינעם א ברודער האט אויך דאס זעלבע געטראפען.

— וואס ער איז אוים ליעבע שווינדזיכטיג געווארען?

— נאך ערגער, ער איז איינפאך פארריקט געווארען.

— פארריקט?

— יא גלייך ווי פארריקט, איך וועל דאס אייך דערציהלען, אבוואהל איהר זייט יעצט ניט אויפגעלייגט אזעלכע געשיכטען צו הערען, דאך קען דאס אויך זיין א שטיקעל טרייסט, רען איהר וועט זעהן אז איהר זייט ניט דער ערשטער וואס די פארפלוכטע ליעבע האט אין אייער הויז אומגליק געבראכט.

— איהר רעדט אזוי פאזיטיוו פון דעם, אז מיין אונגליק איז געקומען דורך דער ליעבע, ריכטיג ווי איהר זאלט זיין אין דעם איבערצייגט, דערוויל ווייסען מיר דאך ניט צו האט די ליעבע שולד דערין

ביי מיר איז אבער קיין צווייפעל פאראן אז אייער טאכטערס קרענק איז איהר געקומען דורך א האפנונגסלאזער ליעבע, האט דער דאקטאר געענטפערט, פרוהער אדער שפעטער, איהר וועט ערפאהרען אז עס איז ריכטיג ווי איך זאג.

— אלזא וואס איז געווען מיט אייער ברודער?

— מיין ברודער קאנדאר דראבאוו איז א זשאנדארמסקער קאפיטאן, ער וואוינט אין דער שטאדט כאראל און עס געהט איהם זעהר גוט, מיט איניגע יאהר צוריק, האט ער זיך פארליעבט אין א רייכען גוטבעזיצערס א טאכטער, ער האט אלע קרעפטען אנגעווענדעט זי צו הייראטען, אבער זי האט זיך צום אונגליק פארליעבט אין אן ארימען דאקטאר, וואס שטאמט פון דער קלענסטער פאמיליע. איך קען אייך גאר ניט פארשטעלען ווי דאס האט מיין ברודער געקרענקט, ער האט זיך די גרעסטע מיה געגעבען יענע ליעבע צו פארלעשען, אבער דאס האט איהם ניט געלונגען און אין א שעהנעם אווענט איז דעם גוטסבעזיצערס טאכטער מיט איהר געליעבטען דאקטאר אנטלאפען געווארען און האבען געהייראט.

ווען עס טרעפט מיך אזא געשיכטע, וואלט איך א שפיי געגעבען אויף אזא געליעבטער און וואלט מיר געזוכט אן אנדערע, אבער מיין ברודער האט זיין געליעבטע פארט ניט געקענט פארגעסען און ער האט זיך באמיהט זי אפצוררייסען פון איהר ליעבען מאן.

— דאס איז אבער זעהר נידערטרעכטיג, האט קאבודקין געזאגט.

די ליעבע וויל פון קיינע פראגען ניט וויסען, ער האט זיך איין מאל בעשלאסען זיין געליעבטער פון איהר מאן אפצורייסען און ער האט אזוי לאנג אין דעם געארבייט ביז ער האט זיין ציעל דערגרייכט.

ווי אזוי?

— גאנץ איינפאך, אלס זשאנדארמסקער קאפיטאן האט ער שוין אויסגעזוכט א זינד אין זיין געליעבטערס מאן און האט איהם אזוי לאנג געגראבען ביז מען האט איהם פארשיקט נאך סיביר און אלס זי איז געבליבען אליין, האט ער, דאס הייסט מיין ברודער, נאך אייך דאס נייע אנגעהויבען ארום איהר צו טאנצען און האט זי געוואלט צו זיך צו בינדען. אבער זי האט אליין ניט געוואלט וויסען פון איהם, ווייל זי האט איהר מאן ניט געקענט פארגעסען. ערשט נאכדעם, אז געקומען א גט געטאן און דער מאן איז געשטארבען, האט זי זיך אנגעהויבען צולאזען צו איהם און יעצט האט ער מיר געשריבען, אז די טעג געהט ער מיט איהר הייראטען. נו זעהט איהר שוין צו וואס די פארפלוכטע ליעבע קען ברענגען? מיר איז אייך באשערט געווען צו קאנען זיין געליעבטערס מאן, דען ער איז געזעסען דא אין געפענגעניס און איז טאקע אין דעם היגען געפענגעניס געשטארבען. איך האב פיינד פון דער וואהרהייט אפצוטרעטען, ער איז מיר געפעלען געווען אלס פייגער יונגער מאן און מען קען זאגען, אז ער איז אלס קרבן געפאלען פון דער ליעבע.

— שוין לאנג אז ער איז געשטארבען?

— ניין ניט לאנג, מיט פיער מאנאטען פריהער. איהר הער קאבודקין האט געוויס געמיזט הערען א געשיכטע פון אן ארעסטאנט וואס איז געשטארבען און דער דאקטאר דושקין האט זיין ליעבע צוגעגנומען צו זיך און האט אנגעלייגט אויף זיין ארט שטייגער מיט ביינער.

— יא, איך האב געהערט דערפון.

דער ארעסטאנט איז דאס געווען דער מאן פון מיין ברודערס געליעבטע.

ווי האט דער ארעסטאנט געהייסען? האט קאבודקין בלייך ווערענדיג געפרעגט.

— רודאלף בורין.

קאבודקין האט זיך אזא צאפעל געטאן, דאס דער דאקטאר האט איהם פאר דער האנד אנגעכאפט און האט דערציטערט געפרעגט: וואס איך אייך העלף קאבודקין?

— גאר נישט, גאר נישט. האט דער מיאנער געענטפערט. איך בין דורך מיין טאכטערס קרענק אזוי אויפגערעגט דאס איך בין שרעקליך נערוועז געווארען.

— איך וועל אייך פארשרייבען פראשקעס צום קרעפטיגען.

מען דארף ניט. איך גלויב, אז דאס איז דערפאר וואס איך בין ניט גוט אויסגעשלאפען. איך וועל זיך אויסשלאפען וועט די שוואכהייט איבערגעהן. אבער — איך האב אייך געוואלט עטוואס פרעגען און האב פארגעסען וואס. יא, אייער ברודערס געשיכטע האט מיך שטארק פאראינטערעסירט. איז דער ארעסטאנט געווען דער מאן פון אייער ברודערס געליעבטער?

— יא.

איך האב דאך געהערט, אז דער ארעסטאנט רודאלף בורין איז פון געפענגעניס אנטלאפען געווארען.

— ניין, ער איז געשטארבען. עס איז אנטלאפען געווארען דעם רודאלפס א קאמעראד וואסיל דאמינאוו. זיי זענען טאקע ביידע פון איין שטאדט.

און דער רודאלף איז געווים געשטארבען?

— עס פארשטעהט זיך אז ער איז געשטארבען, איך זעלבסט האב זיין לייכע געזעהן מיט מיינע אויגען.

איהר האט דאך דוכט זיך געזאגט אז אין דעם ארון האט מען געפונען שטיינער און ביינער?

— יא, דער דאקטאר דושקין האט די לייכע פון דעם ארעסטאנט צוגענומען אום זיך אויף איהר צו לערנען די אנאטאמישע קונסט, אבער אלס מען האט דעם שווינדעל ענטדעקט, האט ער די לייכע פון רודאלף בורין צוריק אפגעגעבען און מען האט זי באגראבען.

(ווערט פארזעצט)

פאר פרויען פון מיטעלען עלטער

מרס. ווילסאנס ערפאהרונג צייגט דעם וועג פאר פרויען וועלכע מאכען דורך די איבערגאנגס־פעריאדע.

האמילטאן, אנטאריא. — „איך האב גענומען עטליכע פלעשלאך פון לידיא ע. פינקהעמס וועדזשעטייבעל קאמפאונד, און איך האב ניט געגוג ווערטער צו לויבען עס, ווייל איך בין געווען אין מיטעלען עלטער און בין געווען איינגאנצען אפגעשוואכט און כ'האב ניט געהאט קיין אפעטיט. איך בין געווען זעהר שוואך און קראנק, און די שמערצען אין מיין רוקען זענען געווען אזוי שווער אז איך האב זיך ניט געקענט א ריהר טאן. איך בין געווען שטענדיג ברוגז אויף אלעמען, ווייל מיר האט זיך אייסגעוויזען אז איך האב גאר קיין פריינט ניט. עס האט מיך נארניט געארט פאר'ן לעבען, ווייל איך בין געווען זעהר נערוועז. מיינע א פריינדין האט מיך געראטען צו פרובירען א פלעשעל לידיא ע. פינקהעמ'ס וועדזשעטייבעל קאמפאונד, און איך האב אזוי געטאן. איך בין א פארמער'ס א פרוי, און איך האב שטענדיג געארבייט שווער ביז לעצטענס, און איך בין געלעגען אין בעט 2 מאנאטען צייט. איך האב זיך אנגעהויבען צו פיהלען ווי א נייע פרוי נאך דעם ערשטען פלעשעל און איך רעקאמענדיר עס מיט גרויס ערפאלג, אויך לידיא ע. פינקהעמ'ס ליווער פילען. איך בין צופרידען צו ענטפערען אויף בריעף פון פרויען וואס פרעגען וועגען איינערע מעדיצינען, ווייל איך קען זיך פון זיי ניט אפלויבען." — מרס. עמא ווילסאן, 471 ווילסאן סטריט, האמילטאן, אנטאריא. ווערט פארקויפט אומעטום פון דראגיסטען.

סענטאל מידי פארלייכטערט שנעל שמערצפולע יורינירונג פארמיידט נאכמאכונגען. קוקט פאר'ן ווארט „מידי" פארקויפט פון אלע דראגיסטען.

SANTAL MIDY

טעטיגקייט פאר'ן „ארט" אנגעפאנגען אין דייטשלאנד

דער אמעריקאנער אפיס פון „ארט" האט די טעג געקריגען א ידיעה פון בערלין אז דארט האט זיך ארגאניזירט אן אקציאנס קאמיטעט פאר „ארט" ארבייט. די אויפגאבע פון דעם דאזיגען קאמיטעט, אין וועלכען עס געהען אריין פארשטעהער פון אלע קרייזען פון דייטשען אידענטום איז צו געווינען די סימפאטיע פון די דייטשע אידען און מאביליזירען זייער מאראלישע און מאטעריעלע אונטערשטיצונג פאר דער „ארט" באוועגונג.

אין פרעזידיום פון דעם אקציאנס־קאמיטע געהען אריין וויליעלם קלעמאן, דירעקטאר פון דער דרעזדנער באנק, שעף רעדאקטאר געארג בערנהארד, אדוואקאט דר. ברונא ווייל און פראפעסאר י. באן.

ביי דער ערשטער זיצונג איז באראטען געווארען א ברייטער ארבייטס־פלאן, וועלכער זאל איינגעבען פארווירקליכט ווערען. אויסער דעם אקציאנס קאמיטעט איז פאראן אן ענגערער קאמיטעט, וועמעס אויפגאבע עס איז פראקטיש דורכצופיהרען דעם ארבייטס פלאן. דער דאזיגער קאמיטעט איז צוזאמענגעשטעלט פון קורט בלומענפעלד, דר. בראמסאן, דר. פאול נאטהאן, דר. סינגאלאווסקי און אנדערע.

די „ארט" באוועגונג האט געפונען א סימפאטישען אפקלאנג איבער גאנץ דייטשלאנד. ווי עס ווערט באריכטעט פון בערלין, זענען אין דער דארטיגער ביורא אנגעקומען עטליכע הונדערט אונטערשריפטען פון פראמינענטע דייטשע אידען, וועלכע זאגען זיך ארוים פאר דער „ארט" ארבייט.

אויסגעהיילט זיין ברוך

איך בין געווען שווער געבריסט, אויפהויבענדיג א טראנק מיט עטליכע יאהר צוריק. דאקטוירים האבען געזאגט אז דער איינציגער מיטעל איז בלויז אן אפעראציע. א ברוך־באנד האט מיר גארניט געהאלפען. ענדליך האב איך עפעס באקומען וואס האט שנעל און פאלשטענדיג אויסגעהיילט מיין ברוך. יאהרען זענען פארבייגעגאנגען און איך האב מעהר פון דעם ברוך ניט געליטען, טראץ דעם וואס איך ארבייט שווער אלס א סטאליאר. איך האב ניט געהאט קיין אפעראציע, קיין פארלוסט פון צייט, קיין צרות. איך האב גארניט צו פארקויפען, נאר איך וועל געבען פולע אינפארמאציע וועגען דעם ווי אזוי צו געזונט ווערען, אהן אן אפעראציע, אויב איהר וועט צו מיר שרייבען. יודזשען מ. פולען, קארפענטער, 1042 עק־מארסעלוס עווענוע, מענעסקוואן, נ. דזש.

שניידט בעסער אוים דיזען נאטיץ און ציינט עס צו יעדער אנדערע וואס איז געבריכט — איהר קענט ראטעווען א לעבען, אדער אמווענינסטען אפשטעלען די שמערצען פון ברוך און די זארגען און געפאהר פון אן אפעראציע.

פיינטינג און פייפער הענגינג

סייפט געלט ביי די אסינגטאן פייפער אין פיינט סטאר. מיר פייפערען און פיינטען אייערע הייזער פאר העלפט פון דעם פרייז ווי אנדערע. מיר פארקויפען פייפער פון די שענסטע דעזיינס און פיינט צו די ביליגסטע פרייזען

166 אסינגטאן עוו. טעלעפאנירט לייקסיי 0947, און מיר מאכען אייער דזשאב גלייך. מיר האבען גענוג מענשען צו דער ארבייט. יעדער דזשאב איז גאראנטירט.

ס. קאן, אייגענטימער.

(9508-4-9

זענט איהר באזארגט וועגען אייער געזונט?

ליידט איהר פון הויבען בלוט־דרוק, רומאטיזם, פארשטאפונג, מאגען־קראנקהייט, הארץ־ליידען, אדער יעדע בראנישע קראנקהייט, וואס איז ניט בעסער געווארען פון די געוועהנליכע מעטאדען פון באהאנדלונג?

די פלעמינג העלט סקול

128 בלור סט. וועסט, טאראנטא. רענדאלף 6354.

ספעציאליזירט זיך אין באהאנדלען אזעלכע שוואכקייטען דורך א ריכטיגער דיעטע, עקסערסייז, גייסטיגע און פיזישע היגיענע. יעדער קיים ווערט געגעבען איין מאנאט איופזיכט און באהאנדלונג צוגעפאסט צו דער אויסשליסליכער נויטווענדיגקייט פון יעדער קיים, נאכגעפאלגט פון א יאהר איופזיכט און פעריאדישע עקזאמינירונג צו פארזיכערען גוטע געזונט אין דער צוקונפט. די צאהלונגען זענען זעהר מעסיגע. באהאנדלונג קענען געטאן ווערען דורך אפיס אפאינטמענטס, אין אייער היים, אדער אין אן אינסטיטוציע. אויב איהר זענט פאראינטערעסירט אין בעסערען געזונט, שרייבט, טעלעפאנירט, אדער באזוכט פאר ווייטערדיגע אינפארמאציע

אונטער דער מעדיצינישער איופזיכט פון דר. וויקטאר פ. פלעמינג און דר. מארטימער פלעמינג, לייסענטיאייטס פון דעם קאלעדזש אף פיזישענס און סוירדזשענס פון אנטעריא.

קינדער שרייען פאר

Fletcher's
CASTORIA

מוטער: — פלעטשער'ס קאסטאריא איז אן אנגענעהמער, אומשעדליכער סאבסטיטוט פאר קאסטאר אויל, פארעגאריק, טראפענס און בארוהיגענדע סירופס, הויפטזעכליך צוגעגרייט פאר זויגקינדער אין די הענט, און קינדער פון יעדען עלטער. צו פארמיידען אימיטירונג, קוקט אימער נאך פאר'ן אונטערשריפט פון Chas H. Fletcher. אויפקלעהרענדע דירעקציעס אויף יעדען פעקעל. דאקטוירים אומעטום רעקאמענדירען עס

לאיער סאול אייזען

בארעסטער סאליסיטאר, נאטארי

קאמישאנער פאר אלע פראווינצען אין קאנעדע

אפיס:

דאמיניאן באנק בילדינג

קארנער בעי און קווין, רום 4

טעלעפאן עדעלייד 3083.

רעזידענס:

טעלעפאן טרין־טי W 1078

349 פאלמערסטאן בולווארד.

געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגעדזשעס.

סויפעז און פערסויפעז

איבערצוגעבען א סעקאנד הענד פורניטשור סטאר מיט לייסענס, 7 שעהנע רומס, א גוטער גאראדזש און סטייבעל, פורניס און עלעקטריק. אנצוזעהן פרעגען אויפ'ן פלאץ. 361 קווין סטריט וועסט. טעלעפאן עדלייד 0961.

*)

צו פארקויפען א קלינינג און פרעסינג סטאר, א גוטען לעבען צו מאכען פאר א גוטען שניידער. פרעגען ל. ווייט און סאנס, 135 סט. פעטריק סטריט.

2482-3-9)

איבערצוגעבען א קארנער גראסערי און פראוויזשאן סטאר, זעהר גוטע ביזנעס, 163 מיקאל סטריט.

9505-3-10)

סעמי דיטעטשט 7 רומיגע פרעימד בריק הויז, צו פארקויפען, אלע קאנוויניענס, גרויסער גארדען, אויטאבעל מוז פארלאזען טאראנטא. פרעגען 74 מענינג עוועניו.

9502-3-11)

דר. מאסאזש

קומט נעהמען אייערע עלעקטריק בעטס, הענט און עלעקטריק מאסאזש פון 8 פריה ביז 12 מיטאג און פון 3 נאכמיטאג ביז 11 ביינאכט

דר. ו. טימטשיסין

62 ראבינסאן סטריט.

טעלעפאן טריניטי 9525.



האט איהר אויגען טראבעל? האט איהר קאפ שמערצען?

ראט זעהט זיך מיט דעם אידישען אפטאמעטריסט

— און אפטישען —

וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערנמענט

דר. הענרי העררים

279 קאלעדזש־סט.

(לעבען ספעדיינע)

שפעט ביז 9 אוהר אין אוונט

DR. HENRY HARRIS

EYESIGHT SPECIALIST

Phone Trinity 6604

279 College St. Near Spadina

Open until 9 p. m.

„איך פארקויף דורך לאנג דיסטענס צו פונקטען 200 מייל ווייט, און זעה קיינמאל ניט די קאסטעמערס

— שרייבט א הארדוועער סוחר

צו וואס אוועקנעהמען א וואך צו פארקויפען קאסטאמערס וואס קען פארקויפט ווערען אין א פריה־מארגען

— דורך לאנג דיסטענס!

איהר פארלירט יעדען מאנאט שעהנע עטליכע דאלאר

יעדע רום וואס שטעהט ליידיג אין אייער הויז, איז א פארלוסט פון עטליכע דאלאר א מאנט. רומס ווערען פאררענט יעדען טאג. עס זיינען פאראן מענשען, וועלכע זוכען רומס אין אייערע רומס זיינען אפשר דאס פאסיגסטע וואס זיי זוכען. פון וואנען זאלען אבער יענע מענשען וויסען אז איהר האט רומס צו פאררענטען?

אויב איהר האט איינעם אדער עטליכע רומס צו פאררענטען, שטעלט אריין אן אדווערטייזמענט אין „אידישען זשורנאל" און אלע טאראנטאר אידען וועלען וויסען וועגען דעם.

אייער רום דארף ניט שטעהן ליידיג איהר סאנט זי לייכט פאררענטען

A. B. C. LAUNDRY

ווילען האבען מעהר אידישע קאסטימער. מיר וועלען וואשען אלע וועש און זיי ביגלען מיט א מאשין פאר 7 סענט א פונט. טעלעפאנירט אונז און אונזער מאן וועט באלד זיין ביי אייך.

Phone RAND. 7392

881 YONGE ST.

שיקט

אייערע קרובים

געלט אויף פסח

דורך

חפץ'ס

שיפסקאנטאר

Dominion Ticket Office

143 QUEEN ST. W.

פוילישע, לאנדסלייט, ראדאמער, קעלצער און אנדערע! מיר דעליווערען דאלארן איבעראל פראמפט און זיכער.

אינקאם טעקס בלענקס מוזען אויסגעפילט ווערען! דער געזעץ שטראפט פאר ניט אויספילען אין צייט. ס'וועט זיך אייך באצאהלען קומען צו מיר אויספילען סיטי און דאמיניאן אינקאם טעקס ריטורנס. — מעסיגע פרייזען.

שיפסקארטען — סיטיזען פייפערס — אינשורענס — אפען ביז 9 אוונט.

ADELAIDE 5971

עלעקטרישען

הויז וויערינג און ריפיירינג, עסטימעטס. קיין דזשאב צו גרויס אדער צו קליין. קיין שאדען צו די דעקארציעס ביים פיקסען.

דזש. דזשייקאבסאן

162 בעלוואודס עוועניו

טעלעפאן טריניטי W 0089

ווען איהר נויטיגט זיך אין געלט?

אויף אייער מארגיידזש, אדער איהר ווילט פאראייניגען דעם ערשטען און צווייטען מארגיידזש, מיט קליינע פראצענטען און צופרידענשטעלענדע טערמינען, ווענדעט זיך צו:

ג. גארפינקעל

727 ריטשמאנד וועסט

טעלעפאן עדלייד 6846

צו פאררענטען א גרויסען ליכטיגען פלעט

פאסיג פאר לייכטע מאנופעקטשורינג אדער סטארעדזש. אין בעסטען אידישען געגענט. פרעגען אין

זשורנאל אפיס

253 קווין וועסט

טעלעפאן עדלייד 3967

אלע ווייסען אז

חזן קאפלאן

גיט אינשורענס פאר פייער, בארגלערי פלייט גלאסס עקסידענט און סיקנעס אטאמאביל, און לייף פאליסעס

פון די בעסטע קאמפאניעס פאר די קלענסטע פרעמיאומס און לייכטע צאהלונגען. ווענדעט זיך צו

M. Kaplan & Son

Crown Life Building

Yong & Colbourne sts., Tel. Elgin 5893

Res. 458 Brunswick Ave.

Tel. HIL. 8332

געלט צו אנטל[...]

אויב איהר דארפט געלט [...] טע, צווייטע אדער דריטע [...] ביידזשעס סעקיורוטי, טעלעפ[...] אדער זעהט מיר.

מ. קאפלענס

A 20 קארלייל סטריט.

טעלעפאן טריניטי M 8003

פארלאנגט

פארלאנגט א מיידעל צו העלפען אין הויז־ארבייט, א לייכטער פלאץ ביי א קליינער פאמיליע, גוטע באלוינונג — טעלעפאנירט דזשאנקשאן 2018.

*)

א געוועזענער אידישער לעהרער פון יוראפ לערענט שנעל און ביללין אידיש שרייבען, לעזען און רעדענען. ווי אויך פארפאלקאמט דערוואקסענע אין היסטאריע, און נאך אנדערע הייזענשאפטליכע פראבלעמען. זוכט לעקציעס פאר איינצעלנע ארער פאר גרופעס. — לאזט וויסען שריפטליך צו „זשורנאל" באקס נומער 50.

*)

פארלארען א גאלדענעם ריסט וואטש מיט א שווארצען בענד צווישען בעווערלי און מיקאל סטריטס. טעלעפאנירט טריניטי J 7636.

9491-3-9)

פארלאנגט א באי צו לייכטע פעקטארי ארבייט, מוז ריידען און שרייבען ענגליש. פרעגען 64 טעמפערענס סטריט 3־טער פלאר.

9506)

פארלאנגט א גוטע קעכין, סטעדי דאס גאנצע יאהר, גוטע היים און קיין שווערע ארבייט, סאנפט'ס כשר האטעל, מאנט קלעמענס, מישיגען.

Hotel Sanft

Mt. Clemens, Mich.

2488-3-16)

די תלמוד תורה יצחק יעקב ריינעס, פון 175 יוקליד עוו. פארלאנגט א קארלעקטאר, קען מאכען א לעבען. זיך ווענדען צום סעקרעטאר יצחק סטארקמאן, 824 דאנדעס סטריט וועסט.

9503-3-11)

פארלאנגט אן עקספיריענסד ווייטערקע צו ארבייטען אין לייזערס רעסטאראן גוטע ווידזשעס. נאכפרעגען 178 קיין סטריט וועסט.

2489-3-11)

פארלאנגט צוויי טויזענט דאלאר. פרעגען פ־ענטש ארט דאל מאנופעקטשורינג קא. 70 לאמבארד סט. רום 62.

2485-3-8)

פארלאנגט א מאן א דעזיינער פאר א פארטנער צו ליידים דרעסעס, מוז האבען 5 הונדערט אדער טויזענט דאלאר. שרייבט „זשורנאל" באקס 806.

9501-3-9)

פארלאנגט אן עלטערע פרוי זאל קאנען קאכען פאר אקליין פאמיליע, א גוטע היים, און 40 דאלאר א מאנאט גאראנטירט, טעל. דזשאנקשאן J 5624.

9504-3-10)

צו פאררענטען

To Let

עלמוויל, אנטעריא

צו פארקויפען א 7 רומיגע וועניר בריק הויז, סטייבעלס, שעדס, א גרויסער יארד אין הארץ פון ווילעדזש, פאסיג פאר א פעדלער, אויך פאר א סטאר. איינצעלהייטען טעלעפאנירט טריניטי W 1369.

2450)

מאנופעקטשורינג פלעט צו פאררענטען, ביליג רענט, דאון־טאון, גוטער לאקיישאן. אויך א פלעט פון 3 ביז 7 טויזענט סקווער פוס. נאכפרעגען נאנבאר 422 בעי סטריט.

2476-3-9)

91 מיידזשאר סטריט, צו פאררענטען 8 רומיגע הויז, אלע קאנוויניענס, סייד ענטרענס, ביליג צו א גוטען טענענט. פרעגען אויפ'ן פלאץ.

2481-3-9)

צו פאררענטען פאר 30 דאלאר א מאנאט הויז מיט פון 8 רומס, אלע קאנוויניענס, נעו, עלעקטריק, 3 פיעס באט. פרעגען עמפייער קלאדינג, 197 ספעדיינע עוועניו.

2540)

צו פאררענטען א פלעט פון 4 רומס, סטים היט, אלע קאנוויניענס, ווי אן אפארטמענט. גלייך אריינצוציהען. פרעגען 56 סיסעל סטריט.

9507-3-10)

פייפער הענגינג און פיינטינג

ווערט געמאכט צו די ביליגסטע פרייזען און בעסטע ארבייט, גאראנטירט שנעלע אטענשאן. טעלעפאן טריניטי 4477. 3 באלדווין סטריט, מר. דיימאנד.

9427-3-9)

ן ניטא קיין סאבסטיטוט פאר

"SALADA" TEA

עס איז די בעסטע טיי וואס ווערט פארקויפט.

פיער בענוא

יעקב'ס ברונעם

א ראמאן פון אידישען לעבען אין ארץ ישראל.

(פארזעצונג)

— צי וואלט מען ניט געקאנט קריגען אביסעל געלט אין ירושלים?

קאכבאס האט נערוועז געשאקעלט מיט'ן קאפ.

— איך קען די לאגע. ס'איז גארנישט.

עס האט אויסגעזעהן, אזוי ווי א רעגען פון אש וואלט געפאלען אויף דעם קליינעם צימער. פאר די אויגען פון די דריי מענשען איז געשטאנען דער שאטען פון חורבן, פון אומגליק.

יצחק קאכבאס האט גערעדט שטיל:

— פאר'ן ערשטען פעברואר קאן מען ניט רעכענען אויף קיין שום הכנסה, און לעבען דארף מען. ניין. אלץ איז פאר אונז געענדיגט.

הגר, וועלכע האט די גאנצע צייט געשוויגען, האט זיך שטיל אפגערופען:

— אפשר וואלטען מיר זיך געווענדט צום באראן?

דאס ניינטע קאפיטעל

קיינער אין דער קאלאניע האט זיך קיינמאל ניט דערוואוסט, וואס עס איז אייגענטליך געשעהן מיט די צוויי אנטלאפענע. די פאליציי האט זיך די געשיכטע ניט גענומען שטארק צום הארצען. מיכאל אבראמאוויטש האט זיך צו דער געשיכטע באצויגען מיט א רוהיגער פיינער רעזיגנאציע. און צווישען איהם מיט קאכבאס'ן און דעם פריילין וויל איז אפגערעדט געווארען, אז קיין שום אנקלאגע צו דער מאכט זאל ניט דערלאנגט ווערען.

עס איז אפשר געווען בעסער אזוי: דאס געלט וועט די קאלאניע סייווי שוין צוריק ניט באקומען, און דער עפענטליכער סקאנדאל וואלט נאר געבראכט א גרויסען מאראלישען שאדען.

אין משך פון א גאנצער וואך האבען קאכבאס און פריילין וויל זיך געבראכען די קעפ, צו געפינען עפעס אן אויסוועג פון דער געשאפענער לאגע. זיי האבען אבער גארנישט געקאנט צוטראכטען. לכתחילה האבען זיי פשוט זיך אליין געוואלט אפנארען און זיך איינרעדען, אז עס איז נאך־פארט ניט אלץ פארלוירען.

זיי האבען גערעכענט אז וואלשטיין, וועט א ליאדע טאג זיך אומקערען. ווייל זיי האבען אויפגעפאסט דאס אנטלויפען פון דעם פארעל בלויז ווי א ווילדע ליעבעס־אוואנטיורע.

זיי האבען אויך געגלויבט אז וואלשטיין וועט ניט קאנען איבערטראגען די יסורים פון געוויסען און ער וועט אפשיקען, אויב ניט די גאנצע סומע, איז כאטש א העלפט, א טייל...

פון די אלע האפנונגען האט זיך אבער גארנישט אויסגעלאזען, און דערווייל האבען אנגעהויבען אנקומען אלץ אפטערע בריעף, וואס האבען דערמאנט דער פארוואלטונג פון „באר יעקב״ וועגען לויפענדיגע צאהלונגען. וועגען וועקסלען, וואס זייער טערמין דערנעהנטערט זיך.

דער אומגליקליכער קאכבאס איז געלאפען פון ירושלים קיין חיפה און וואס ווייטער איז אלץ פעסטער געווארען ביי איהם דאס באוואוסטזיין, אז ער איז באנקראט, אז די חובות פון דער קאלאניע וועלען ניט קאנען געצאהלט ווערען.

ניט באקומענדיג אין ערגיץ קיין שום שטיצע און אויך ניט קיין שום צוזאג אויף הילף, האט קאכבאס ענדליך אנגעהויבען טראכטען, אז הגר'ס פארשלאג איז דאס איינציגע מיטעל, וואס קאן נאך ראטעווען די קאלאניע.

קאכבאס'ן איז אבער די געשיכטע שטארק ניט געווען צום הארצען: ער האט זיך ניט געקאנט באשליסען אויסצושפיעלען די האזיגע לעצטע קארט. קאכבאס האט אין די טעג א סך איבערגעטראכט וועגען דער פריינטשאפט, וואס דער גוטער באראן האט איהם שטענדיג ארויסגעוויזען. ווען דער באראן האט איהם געבעטען ער זאל זיך אויסקעהרען קיין פאריז, וואו זיין ארבייט וועט זיין נוצליכער און פרוכטבארער, האט ער זיך איינגע'עקשנ'ט און ניט געוואלט פאהרען, פארזיכערענדיג, אז זיין אנוועזענהייט דא אין לאנד איז אונבאדינגט נויטיג, אז א דאנק זיין ארבייט וועט ענדליך טריאומפירען די אידישע אויפלעבונג אין'ם אידישען לאנד. איצט וועט ער קומען א דערשלאגענער, א דורכגעפאלענער און ווייטער בעטען הילף.

קאכבאס האט שרעקליך געליטען. פאר איהם איז געווען שרעקליך דער געדאנק אז ער וועט דארפען אויסהערען די ווערטער:

— „איך האב דאך אייך געזאגט פריהער״...

און די ווערטער וועט איהם זאגען דער באראן!

אין יענע שרעקליכע טעג וואלט קאכבאס פשוט זיך ניט דערהאלטען אויף די פיס, ווען ניט דאס, וואס הגר איז געווען מיט איהם און האט איהם בסדר געהאלפען.

שוין זי אליין, דאס קוקען אויף איהר, איז געווען א באלזאם פאר זיינע ווייטאגען. ווען אלע האפנונגען זענען צושוואומען געווארען, האט דער ארימער קאכבאס דאך געהאט איין געפיהל, וואס האט איהם געטרייסט: ער האט זיך אין זיין ווייב ניט אפגענארט.

(ווערט פארגעזעצט)

פאראנען מענשען וואס ארדערען גלאט מצות אויף פסח, אבער די יעניגע וואס ווילען דוקא די בעסטע, כשר'סטע און געשמאקסטע, ווייסען, אז זיי דארפען פאדערען בלויז מאנישעוויטץ מצה.

ONTARIO

דעפאזיטאייערע סייווינגס

— אין —

The Province of Ontario Savings Office

אינטערעס בעצאהלט אויף אלע דעפאזיטס.
אייער געלט איז גאראנטירט פון דער רעגיערונג פון דער אנטאריאר פראווינץ

באקוועמע אפיס שטונדען 9.30 פריה ביז 5 נאכמיטאג:
הויפט אפיס — — — 15 קוינס פארק, טאראנטא

טאראנטער בראנטשעס:
קאר. בעי און עדעלייד סט. — — קאר. יוניווערזיטי און דאנדעס סט.
549 דענפארט עוו.
אנדערע בראנטשעס אין:
האמילטאן, סט. קעטרינס, סט. מערים, פעמבראק, ברענטפארד, וואודסטאק, אוווען סאונד, אטאווא, סיפארט, וואקערטאן, נוימארקעט, עילמער.

נייעס ביי אונז אין שטאדט

אז מען גיט פעטש דארף מען באצאהלען

אין סעשאנס קאורט איז נעכטען ערשינען סאלי קאהען, אויף א קלאגע אז דעם 17־טען דעצעמבער האט ער מזכה געווען לואיס פאזנער מיט א חיבשער פארציע קלעפ. ער איז דערפאר באשטראפט געווארען צו באצאהלען 25 דאלאר אדער איין מאנאט אין „פאלאץ״.

גנבים זענען טעטיג

וואך איין, וואך אויס, דיזעלבע געשיכטע. עס נעהמט גאר קיין סוף ניט צו די גנבות ביי אונז אין שטאדט.

אין פארלויף פון דעם לעצטען זונטאג זענען באגנב'עט געווארען די היימען פון דזש. ד. ראבינסאן, אויף 134 גילמאר עוו., און פון מרס. מאור אוקלי, אויף 36 מאהער עוו.

אין ביידע הייזער זענען צוגענומען געווארען ציערונג און ווערט פון היבשע עטליכע דאלאר.

רויבערייען

אויסער די גנבות זענען אויך פארגעקומען גאנץ געוואגטע רויבערייען.

וועגען איין רויבעריי דערצעהלט וויליאם ר. מעקדאנאלד, א גראסערי־מאן פון 149 ראסענסוועילס עוו., אז צעפיהרענדיג ארדערס צו זיינע קאסטאמער לעצטען שבת אוונט, איז ער, אויף סידני גארדענס באגעגנט געווארען פון 2 יונגע חברה־לייט. איינער פון זיי איז געווען פארמאסקירט און האט געהאלטען א רעוואלווער אין האנט, דראהענדיג דערמיט געגען מעקדאנאלד'ן. עס ווייזט אבער אויס, אז מעקדאנאלד איז ניט קיין לעמעשקע, און אנשטאט צו אויפהויבען די הענט אין דער הויך, האט ער זיי גאר אראפגעלאזען איבער דעם יונגען דיבער.

עס איז פארגעקומען א פארצווייפעלטער קאמף, און ענדליך האבען די חברה־לייט גענומען די פיס אויף פלייצעס און זענען נעלם געווארען.

פייער שאדען

א שרפה וואס האט זונטאג אוונט אויסגעבראכען אין דער געביידע אויף 856 שאו סטריט, האט פאראורזאכט א שאדען פון אן ערך טויזענט דאלאר.

מאן און פרוי פיהלען זיך בעסער נאך דעם עקסידענט

עס איז באריכטעט געווארען אז עדווארד דזשענקינס און זיין פרוי פיהלען זיך איצט א סך בעסער פון די וואונדען וואס זיי האבען געקראגען לעצטען זונטאג, אין א געפעהרליכען עקסידענט.

מר. דזשענקינס און זיין פרוי, פון 32 קאלאהי סטריט, זענען לעצטען זונטאג נאכמיטאג געפאהרען אין זייער אויטאמאביל אויף בלור סטריט און קלענרעגען עוו., ווען פלוצלינג האט זיך זייער אויטאמאביל אויסגעגליטשט און האט זיך אנגעהויבען אראפקייקלען אין א טיפעניש פון זעכציג פוס.

באמערקענדיג דעם אומגליק האט דער מאן פעסט ארומגענומען זיין פרוי, און די גאנצע צייט וואס דער אויטאמאביל האט זיך געקייקעלט איז זיין פרוי געווען פעסט צוגעדריקט צו איהם, באשיצענדיג איהר אזוי ארום געגען זיכערע וואונדען.

מר. דזשענקינס אליין האט אבער געקראגען עטליכע שווערע וואונדען, כאטש זיין פרוי איז אפגעקומען בלויז מיט שרעק.

דער אויטאמאביל איז פולשטענדיג צעשמעטערט געווארען.

חברה'ניקעס צע'ממית'ן א כינעזער

א כינעזער מיט'ן נאמען וואנג יאנג האט זונטאג אוונט אריינגעכאפט אן אמת'דיגע פארציע בוכצעס און קלעפ פון דריי צעווילדעוועטע אינגלאך, ווען ער איז געגאנגען אויף עליזאבעט סטריט לעבען דזשעראַרד סטריט.

די חברה־לייט זענען נעכטען פארגעבראכט געווארען אין קינדער־קאורט און זיי וועלען היינט קריגען זייער שטראף, נאכדעם ווי זיי זענען געפונען געווארען שולדיג.

קריסטליכער ציוניסט האלט געשפאנט זיינע צוהערער

דער פענטיידזשעס טעאטער איז זונטאג אוונט געווען איבערגעפאקט מיט מענשען, וועלכע זענען געקומען הערען די לעקציע פון א. ה. מעקמילען איבער דער טעמע: „די באדייטונג פון פאלעסטינא אלס א אידישע היימלאנד פאר דער גאנצער מענשהייט״.

מר. מעקמילען האט געהאלטען א שעהנע רעדע. ער האט דערצעהלט וועגען זיין לעצטער רייזע אין פאלעסטינא, ווען ער האט בייגעוואוינט די ערעפענונג פון דעם העברעאישען אוניווערזיטעט. ער האט כאראקטעריזירט די איצטיגע ווידעראויפבויאונג פון פאלעסטינא פאר א אידישער היימלאנד, א נייע עפאכע אין דעם וועלטליכען אידענטום. ער האט דערצעהלט וועגען די פיאנער־ארבייט פון די אידישע חלוצים, וועלכע זענען בכח א דאנק זייער באגייסטערונג, צו פארוואנדלען וויסטענישען אין בליהענדער לאנד.

שעהן איז געווען זיין שילדערונג פון א פרייטאג צו־נאכט אין תל־אביב, ווען הונדערטער יונגעלייט שפאצירען ארום איבער די גאסען און זינגען יום־טוב לידער.

דער פארזיצענדער פון דעם אוונט איז געווען מר. סאלטער.

מאונט סיני האספיטאל רייכער געווארען מיט אן אויטאמאביל

דער מאונט סיני האספיטאל, דאס אידישע האספיטאל פון יארקוויל עוו., איז לעצטען שבת אוונט רייכער געווארען מיט אן אויטאמאביל, וועלכער איז ווערט די סומע פון אכט הונדערט דאלאר.

די מענס אוקזילערי פון האספיטאל האט לעצטען שבת אוונט דורכגעפיהרט א ראפעל אויף אן אויטאמאביל. דער געוואונענער נומער 3301, וועלכער האט געבראכט דעם אייגענטימער א פרייען אויטאמאביל, האט באלאנגט צו מיס רעי פיינבערג, פון 430 יוקליד עוו.. די טאכטער פון ל. פיינבערג פון דער סילווער דאלאר טעקסי, און נאכדעם ווי מען האט איהר אנגעזאגט די בשורה, האט זי דעם אויטאמאביל צוריק אוועקגעשענקט אלס אייגענטום פון מאונט סיני האספיטאל.

דאס איז באמת א שעהנער טאט פון א מענשען וועלכער ענטזאגט זיך פון א פארגעניגען צוליעב א נויטיגער אינסטיטוציע.

דוד רמז היינט אוונט ביים פיאנערען קלוב

דוד רמז, פון דער ארץ ישראל ארבייטער דעלעגאציע, וועלכער געפינט זיך אין שטאדט אין די אינטערעסען פון געווערקשאפטען קאמפיין, וועט היינט אוונט אדרעסירען אן עפענטליכע פארזאמלונג פון דעם פרויען פיאנערען קלוב פאר די תנועות אין ארץ ישראל, איבער דער טעמע: „דאס לעבען פון דער אידישער פרוי אין ארץ ישראל״.

פארזאמלונג איז א פרייע, צו וועלכער יעדער קען אריינקומען, און זי קומט פאר אין ציון אינסטיטוט, 206 בעווערלי סטריט.

נאסע געשעפטען

ראזע ספרינג און סעמועל פראהמאן, זענען נעכטען ערשינען אין וואמענס־קאורט אויף א קלאגע פאר איבערטרעטען דעם „להיים״־געזעץ, און זענען פארהאלטען געווארען אויף צוויי וואכען.

דזשאזעף אושער איז אויף אן עהנליכער קלאגע אויך, פארהאלטען געווארען אויף צוויי וואכען צייט.

אין פאליס־קאורט איז ישראל וואגמאן באשטראפט געווארען מיט $50 און קאסטען אדער איין מאנאט אין „חדר״, אויף א „משקה״־קלאגע.

פאלקס פאראיין זעצט פאר די פסח זאמלונג

צוליעב דעם שלעכטען וועטער וועלכער איז געווען זונטאג, זענען ניט אלע פאלקס פאראיין קאמיטעען ארויס זאמלען געלט פאר דער אינסטיטוציע, און אלס רעזולטאט, האט נאטירליך געליטען די זאמלונג.

די פאלקס פאראיין פסח־זאמלונגען גרייכען אלע יאהר צו דער סומע פון טויזענט דאלאר, צוליעב דעם שלעכטען וועטער איז אבער לעצטען זונטאג מעהר ווי פינף הונדערט דאלאר ניט געזאמעלט געווארען.

די זאמלונג ווערט דארום פארגעזעצט אין לויף פון דער וואך. ביישטייערונגען קענען אויך געשיקט ווערען דירעקט צום פאראיינס אפיס, וועלכער געפינט זיך אין 26 סיסעל סטריט.

CANADIAN PACIFIC
שיפסקארטען
פאהרט נאך יוראפ דורך די
קענעדיען פאסיפיק שיפען
דירעקטע שיפסקארטען, נאך און פון פוילען, רומעניען, ליטא, לאטוויא, עסטרייך, דייטשלאנד, רוסלאנד, איטאליען, יוגא און טשעכא סלאוויאקיא אונגארן, פראנקרייך און בעלגיען. יעדער אימיגראנט ווייסט דאס די קענעדיען פאסיפיק גיט סערוויס און צופרידענהייט.
נאכפרעגען ביי אונזערע אויטאריזירטע לאקאלע אגענטען.
דזשיי. אי. פארקער
גענעראל אגענט — פאסאזשיר דעפארטמענט.
1 קינג סטריט איסט, טאראנטא
ערעלייד 2105

פילט אויסגעצייכענט
פיינסטער אפפיהרונג
„קאסקארעטס 10ס.

בלייבט ניט קאפוועהטאגענד, באטריבענד, הארט־לייביג, קראנק

איינע אדער צוויי אנגענעהמע ווי קענדי „קאסקארעטס״ גענומען אירגענד א צייט וועט מילד באלעבען אייער לעבער און מאכען אקטיוו אייערע געדערים. דאן וועט איהר אי פיהלען אי אויסזעהן ריין, זיס און פריש. אייער קאפ וועט ווערען קלאהר, דער מאגען זיס, דער צונג פינק און אייער הויט האזעווע. ווארים „קאסקארעטס״ קרעמפען ניט אדער מאכען קראנק. עס איז געווארען דער פאפולערסטער אפפיהר מיטעל אין דער וועלט.

דירעקשאנס פאר מענער, פרויען, קינדער אויף יעדער באקס — אין יעדע דראג סטאר.

Fry's
MAKERS TO H.M. THE KING
FRY'S
PURE BREAKFAST
COCOA
MANUFACTURED BY
J.S. FRY & SONS
BRISTOL & MONTREAL

ער איז געזונט און צופרידען

ער קריגט א קאפ פריי'ס יעדען טאג — דאס בעסטע פון אלע פונדאמענטען פאר א געזונטען און קרעפטיגען מאן.
„קיין זאך וועט ניט אויפטאן וויפיעל פריי'ס״

באריהמט זינט 1728

199

ווער זענען די וויכטיגסטע צעהן פערזאן אין טאראנטא?

יעדער לעזער קען שטימען פאר צעהן פערזאן, מאן אדער פרוי.

פארטראכט זיך ווער עס זענען די וויכטיגסטע פיגורען אין אונזער שטאדט און קלייבט אויס די וויכטיגסטע צעהן לויט אייער מיינונג.

פילט אויס די ווייטערע שורות

איך שלאג פאר די פאלגענדע צעהן אלס די וויכטיגסטע פיגורען אין אונזער שטאדט:

1. — — — — — — — — — —
2. — — — — — — — — — —
3. — — — — — — — — — —
4. — — — — — — — — — —
5. — — — — — — — — — —
6. — — — — — — — — — —
7. — — — — — — — — — —
8. — — — — — — — — — —
9. — — — — — — — — — —
10. — — — — — — — — — —

מיין נאמען — — — — — — — —

אדרעס — — — — — — — — —

איהר קענט אויך שרייבען אין א באזונדער בריעף פארוואס איהר רעקאמענדירט זיי. זייערע מעלות און זייער טעטיגקייט. מיר וועלען עס ניצען פאר די „זשורנאל״ לעזער אלס אינפארמאציע.

אויב פון אייערע צוגעשיקטע נעמען וועלען 8 אדער 9 ערוועהלט ווערען, וועט איהר באקומען א פרייז אויך.

קופאנס וועלען בלויז אנגענומען ווערען ביז דעם ערשטען אפריל

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
The Only Daily Jewish Newspaper In The Province of Ontario
PUBLISHED BY
CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD.
H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
251—253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967-4517
Subscription Rates $6 PER YEAR, $3.50 SIX MONTHS
Single Copy — 3 cents
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O. Toronto Ont.
January 22nd 1913

די נייעס וועגען בריטיש קאלאמביא

א וויסענשאפט וואס איז ניט קיין עקספערימענטאלע, ווי למשל די פארשיעדענע נאטור־וויסענשאפטען, איז שטענדיג אפען פאר פארשיעדענע ספעקולאציעס און מיינונגען. אפילו אזא זאך וואס איז שוין פעסט באגרינדעט, קען אויך מיט דער צייט אומגעווארפען ווערען, ווען נייע פארשונגען און ענטדעקונגען שטעלען ארוים די זאכען אין א גאנץ אנדער ליכט. און דאס איז אויך אמת וועגען געשיכטע. אט קען איין היסטארי־קער פעסטשטעלען געוויסע פאקטען, און זיי זאלען זיין באגרינדעט לויט׳ן לעצטען ווארט פון דער וויסענשאפט, קען אבער פאסירען אז צעהן יאהר שפעטער זאלען נייע פאקטען ארויסגעבראכט ווערען. און דאס וואס עס איז ביז יעצט געווען באגרינדעט, זאל פארלירען יעדען באדען הינטער זיך.

פארשער באשעפטיגען זיך ניט ווייניג מיט דער פראגע — וואס עס איז געווארען מיט די פארלוירענע צעהן שבטים — און צו ניט ווייניג פעל־קער האט מען זיי שוין געוואלט צושרייבען. אמליעבסטען אבער זענען ביי די פארשער די צוויי מעגליכקייטען, אויף וועלכע זיי שטעלען זיך אפ, איין גרופע וועלכע שרייבט זיי צו צו די ענגלענדער, און די צווייטע, וועל־כע ערקלעהרען זיי אלס די אור־עלטערען פון די אמעריקאנער און קאנא־דער אינדיאנער שבטים. הונדערטער ווערק זענען פארהאן וועגען דעם, און פארשיעדענע סברות ווערען ארויסגעזאגט, קיין איין מיינונג איז אבער ניט באגרינדעט, און מעהר ווי סברות זענען עס ניט. צוערשט האט מען די קאנאדער אינדיאנער וועלכע האבען געוואוינט אין מזרח צוגע־שריבען צו די אידען, יעצט קומט די נייעס פון וואנקואווער, אז מען וויל צושרייבען די ציוויליזאציע אויף די פאסיפישע ברעגעס צו אידען, א מיי־נונג וואס ווערט אפגעפרעגט פון פיעלע אנדערע באקאנטע אויטאריטעטען.

די נייעס וועלכע מיר האבען זונטאג פארעפענטליכט אין ,,זשור־נאל״ וועגען די אידישע שפורען בי די פאסיפישע ברעגעס געהערט אויך צום דאזיגען קלאס, איבער וועלכען מען וועט זיך נאך לאנג מפלפל זיין.

די ,,נומערוס קלאוזוס״ משוגעת אין אייראפא

אייראפע, די אנטיסעמיטישע אייראפע ליידעט יעצט פון א קראנק־הייט, וועלכע קען מיט רעכט באצייכענט ווערען די ,,נומערוס קלאוזוס״ משוגעת.

און מאמער איז עס ווייניג געוועזען, ווען מען האט דעם פרינציפ אנגעווענדעט צו אידישע סטודענטען, וויל מען עס שוין אויך יעצט איינ־פיהרען בנוגע בהמות, וועלכע האבען די עבירה צו באזארגען אידען מיט פלייש.

אויף דעם שכל זענען גאר געפאלען די אנטיסעמיטען פון בייערן, וועלכע ווילען דוקא א פראצענט נארמע אויף גע׳שחט׳ענע בהמות.

פוילען, רומעניען און אונגארן צייכענען זיך אוים מיט זייער ,,נו־מערוס קלאוזוס״ געגען אידישע סטודענטען, נו וויל יעצט די מאנארכיס־טיש־אנטיסעמיטישע בייערן זיי איבערשטייגען, איז מען געפאלען אויף דער קלוגער זאך — א פראצענט נארמע אויף אידישע בהמות.

די בייערישע אנטיסעמיטען וועלכע וואלטען זעהר שטארק גע־וואלט צוריק האבען א מאנארכיע אין דייטשלאנד, האבען זיך מתקנא גע־ווען אין זייער פארטריבענעם עקס־קאיזער ווילהעלם. יענער קעמפט געגען אידישען גאט. זאלען זיי כאטש קעמפען געגען אידישע בהמות, און זיי האבען טאקע דעריבער אין גאנצען גע־זאלט פארבאטען די שחיטה. איז אבער פארהאן א צרה, די בייערישע קאנסטיטוציע, וועלכע גאראנ־טירט רעליגיע פרייהייט, האט מען דעריבער געמוזט מאכען א פשרה, אויב ניט פארבאטען אין גאנצען, איז כאטש עס באגרענצען.

אבער אז גויאישע קעפ טראכטען אוים א נייע זאך מוז שטענדיג זיין צו דעם א נאכשלעפעניש. מען האט ערלויבט אידען, טועדיג מיט זיי דעם חסד, אז זיי וועלען מעגען קוילענען אזוי פיעל בהמות, וויפיעל פלייש זיי דארפען פראפארציאנעל לויט דער באפעלקערונג. שטעלט זיך יעצט די פראגע, וויפיעל פלייש דארף א איד עסען לויט׳ן דאזיגען אנטי־סעמיטישען יושר, און ווער וועט באשטימען די וואג אדער מאס, וויפיעל כשר פלייש א אידישער מאגען קען, דארף, און מוז האבען.

א הארבע שאלה צו פארענטפערען — אפילו פאר בייערישע אנטי־סעמיטען.

פוילען און די וועלט פאליטיק

פאר די לעצטע עטליכע וואכען, זייט עס קומט פאר די וויכטיגע ערא־ייגנים אין דער דיפלאמאטישער וועלט וועגען פוילענס פאדערונג צו האבען א פלאץ אינ׳ם ראט פון דער פעלקער־ליגע, זוכט די פוילישע פרע־סע עס צו ערקלעהרען, אז דא האנדעלט זיך ניט נאר וועגען א פלאץ אליין, נאר בכלל וועגען דער באציהונג צו א גאנצער פוילען. דייטשלאנד, זוכט די פוילישע פרעסע צו ערקלעהרען, וויל ווידער איפהויבען די פרא־גע וועגען דער גרוים און גאנצקייט פון פוילען. און דעריבער מוז זי הא־בען א פלאץ אין דעם ראט, כדי צו קענען זיך פארטיידיגען געגען דייטש־לאנד׳ס פלענער. די פוילישע פרעסע געהט נאך ווייטער אין ערקלעהרט, אז מיט׳ן אפזאג פון דער פאדערונג, וואס פוילען באטראכט פאר גערעכט, ווערט אין גאנצען אומגעווארפען דער לאקארנא אפמאך.

צו דער זעלבער צייט, ווען היינטיגע וואך דארף פארקומען די דא־זיגע וויכטיגע ענטשיידונג, איז נאך די פראגע גאר ניט קלאהרער געווא־רען, און אפילו סער אוסטען טשעמבערליין האט פאר דער ,,אסאשיאיטעד פרעס״ די טעג ערקלעהרט, אז די לאגע איז אומבאשטימט.

עדגאר א. מאורער ווידער, א באדייטענדער אמעריקאנער קאר־רעספאנדענט טעלעגראפירט צו אן אמעריקאנער צייטונגס־סינדיקאט, אז די גאנצע צוקונפט פון דער נאציאנען־ליגע שטעהט יעצט אין געפאהר, צוליעב דעם וואס עס הערשען פעסטע מיינונגען וועגען דער זאך. דייטש־לאנד למשל וויל, אז נאר זי זאל אריינגענומען ווערען אין ראט, און קיי־נע אנדערע, און אז פוילען וועט ערשט קענען אריינקומען נאך איהר. ענג־לאנד ווידער וויל אנערקענען פוילען׳ס פארלאנג, בתנאי אז אויך שפא־ניען זאל אריינגענומען ווערען, און געגען די צוויי שטעהט פראנקרייך מיט׳ן פארלאנג אז פוילען זאל זאפארט אריינגענומען ווערען.

די אליאירטע מלוכות, יעצט די לאקארנא שותפים האבען פוילען צוערשט גרוים געמאכט, און יעצט פאדערט פוילען דאס איהריגע. א זאך איבער וועלכען די פריהערדיגע גיאנקעס קענען זיך ניט איינינגען, און דער־ווייל האט די וועלט־פאליטיק צו זינגען און צו זאגען.

אין דער וועלט פון געשעפט און פינאנץ

די פראווינצען טראגען אויף זיך כמעט די גאנצע אויסגאבען פון קענעדע. אנטעריא צאהלט כמעט א העלפט. — דער קראך אויף וואל סטריט פון לעצטע וואך האט גליקליכער ווייזע ניט אנגעריהרט דעם פינאנציעלען מארק פון קענעדע. — דער צושטאנד פון די קענעדער באנקהייזער. דער אמעריקאנער שטאל־טראסט האט געמאכט טויזענטער מיליאנען דאלאר פראפיט אין די 25 יאהר פון זיין עקזיסטענץ. — דער אמעריקאנער דאלאר שטייגט א דאנק דעם וואס קענעדע שיקט ארוים 50 מיליאן דאלאר אין גאלד פון דער לאנד.

פון אריה פאש

לויט א פריוואטער סטאטיסטיק וועלכע איז צוזאמענגעשטעלט געווארען, טראגען אויף זיך די פראווינצען אנטעריא, קוויבעק און בריטיש קאלאמביא די מעהרסטע אויסגאבען פון לאנד.

ווי עס איז אויסגערעכענט געווארען גיט אוים די פעדעראלע רעגירונג 346 מיליאן דאלאר יעהרליך און צו דער דאזיגער סומע טראגען צו, אנטעריא 44 פראצענט אדער 52 דאלאר מיט 21 סענט פער קעפיטא פאר יעדען איינוואוינער פון דער פראווינץ, קוויבעק 35 און א האלבען פראצענט, א פער קעפיטא פון 52 דאלאר מיט 24 סענט און בריטיש קאלאמביא מיט א פער קעפיטא פון איבער 48 דאלאר.

די איבעריגע זעקס פראווינצען טראגען צו זעהר ווייניג פאר אויפהאלטען דאס לאנד.

דער גרויסער אונטערשיעד צווישען די פראווינצען איז דאס וואס די פעדעראלע רעגירונג באקומט איהר הכנסה פון איינקונפט שטייערן, פארקויף שטייערן און אזוי ווייטער, און ווייל די דאזיגע פראווינצען זענען די גרעסטע אין באפעלקערונג און אויך אין אינדוסטריע קומט אוים אז זיי האלטען אוים דאס גאנצע לאנד.

קוויבעק טראגט צו יעהרליך צו דער פעדעראלער קאסע איבער 125 מיליאן דאלאר, אנטעריא איבער 155 מיליאן דאלאר און בריטיש קאלאמביא איבער 26 מיליאן דאלאר.

די איבעריגע זעקס פראווינצען טראגען צו דעם באלאנס פון דער אויבענדערמאהנטער סומע וועלכע קענעדע דארף יעהרליך האבען.

דער קראך אויף וואל סטריט האט ניט געשעדיגט קענעדע

דער קראך אויף וואל סטריט לעצטע וואך ווען גרויסע מיליאנערען זענען רואינירט געווארען ווען אין צייט פון דריי טעג איז דריי טויזענט מיליאן דאלאר פארלארען געגאנגען, און צעהנדליגע מענשען און בראוקערס זענען איינפאך רואינירט געווארען, האט ניט געשאדעט דעם קענעדער געלט מארק.

זעלבסטפארשטענדליך אז איינצעלנע מענשען און סטאק בראקערס האבען אינ׳ם אלגעמיינעם קראך געליטען אבער דער ״עקסטשיינדזש״ אלס גאנצער האט ניט געליטען.

דער קראך אויף וואל סטריט איז געווען א רעזולטאט פון דעם וואס איינצעלנע אייזענבאהנען אין די שטאאטען האבען זיך געזוכט פאראייניגען, דאס איז געווען א באשטימטע זאך און א דאנק דעם זענען די אייזענבאהן אקציעס געשטיגען, איז אבער געקומען די אינטערסטייט האנדעלס קאמיסיע און האט באשלאסען די דאזיגע פאראייניגונג ניט צו ערלויבען און צוליעב דעם האט די פאניק אויסגעבראכען, מענשען האבען אין דער דאזיגער פאניק פארמעגענס פארלוירען.

פון וואס דער קענעדער מארק האט לעצטע וואך געליטען איז געווען דאס וואס דער סטאק פון כמעט אלע קענעדער מינען איז געפאלען, אבער דאס איז ניט געווען קיין פלוצלינגע זאך, נאר א גאנץ נאטירליכע צוליעב דעם וואס די מינען סטאקס זענען אין די לעצטע עטליכע חדשים אינגעהייער געשטיגען און זיי האבען געמוזט נאטירליכער ווייזע פאלען, צו קיין פאניק אבער איז עס ניט געקומען.

פעברואר א גוטער אינדוסטריעלער חודש

אינ׳ם פארגאנגענעם חודש פעברואר האט די קענעדער אינדוסטריע ארויסגעגעבען פאר 100 מיליאן דאלאר מעהר סחורה איידער אין דעם זעלבען חודש אין 1925, די פראדוקציע אין פעברואר פון דעם פארגאנגענעם יאהר איז געווען איבער 300 מיליאן דאלאר און אינ׳ם פארגאנגענעם חודש איבער 400 מיליאן דאלאר.

אין קענעדער פינאנציעלע קרייזען ווערט יעצט דיסקוטירט די פראגע וועגען האנדלען מיט סאוויעטען רוסלאנד. די פינאנציעלע קענעדע האט ביז יעצט ניט געהאנדעלט דירעקט מיט רוסלאנד דערפאר וואס זי האט מורא געהאט צו געבען דער סאוויעטען רעפובליק אויף קרעדיט, און אהן קרעדיט האט די רעפובליק ניט געקענט קויפען, אבער פון דער ערפאהרונג וועלכע די שטאאטען און ענגלאנד האבען אין זייערע געשעפטען מיט רוסלאנד ווייזט זיך ארוים אז די סאוויעטען רעפובליק צאהלט איהרע חובות, עס איז דעריבער זעהר מעגליך אז די קענעדער פינאנציעלע וועלט וועט אנהויבען דירעקט צו האנדלען מיט רוסלאנד און געבען איהר קרעדיט.

פון סטאטיסטיקס ווייזט זיך ארוים אז סאוויעטען רוסלאנד האט לעצטעס יאהר געקויפט אין ענגלאנד פאר 185 מיליאן רובעל סחורה און פון די פאראייניגטע שטאאטען פאר 188 מיליאן רובעל, און עס איז ניטא קיין אורזאכע וואדום קענעדע זאל אויך ניט באקומען א טייל פון דעם דאזיגען האנדעל.

דער צושטאנד פון די באנק הייזער אין קענעדע

א זעהר אינטערעסאנטע סטאטיסטיק איז לעצטע וואך פארעפענטליכט געווארען וועגען דעם צושטאנד פון די באנק הייזער אין קענעדע. זייערע פארדיענסטען און זייער אלגעמיינער צושטאנד אויפ׳ן פינאנציעלען מארק.

לויט דער דאזיגער סטאטיסטיק ווייזט זיך ארוים אז די באנק אף נאווא סקאשיא, פארדיענט איבער 21 פראצענט אויף איהר געלט, דאס איז מעהר איידער וועלכע עס איז אנדער באנק פון די 10 גרעסטע באנק הייזער אין לאנד פארדיענט. די דאזיגע באנק איז אויך די גרעסטע אין פארוואנדלען איהר פארמעגען אין בארעס געלט, דאס מיינט אז אין צייט פון א נויט קען זי שנעל באקומען 67 פראצענט פון דעם קאפיטאל, דערפאר איז אויך דער ווערטה פון איהרע שערס א פיעל העכערע איידער פון וועלכער עס איז אנדער באנק, דער ווערט פון א שער פון דער באנק אף נאווא סקאשיא איז 299 דאלאר און 50 סענט.

אמעריקאנער שטאל טראסט

דער אמעריקאנער שטאל טראסט אדער ווי ער איז באקאנט אלס ״די יונייטעד סטיל קארפארעישאן״ איז דער מעכטיגסטער טראסט אין דער וועלט, דאס יאהר איז געווארען 25 יאהר צייט ער עקזיסטירט, און פונ׳ם פינאנציעלען סטייטמענט וועלכער איז פון דעם דאזיגען טראסט פארעפענטליכט געווארען איז צו זעהן אז ער האט געמאכט אזעלכע פראפיטען פון וועלכע עס פאנגט אן צו שווינדלען אין קאפ.

עס וועט זיין גענוג צו באטאנען אויף די פאלגענדע פאקטען.

דער טראסט האט אין דער צייט פון די 25 יאהר פון זיין עקזיסטענץ אויסגעצאהלט 1279 מיליאן דאלאר צו זיינע שערהאלדערס אין דיווידענדען אליין חוץ דעם קרן. אין דער צייט איז דער קאפיטאל פון דעם טראסט פארגרעסערט געווארען אויף טויזענט מיליאן דאלאר, און דאס איז ניט געווען פון דעם וואס נאך מענשען האבען אריינגעלייגט פרישען קאפיטאל, נאר פון דעם פראפיט וועלכען דער טראסט האט געמאכט איז מיט אזוי פיעל דער קאפיטאל פארגרעסערט געווארען, אזוי אז די פראפיטען פאר די לעצטע 25 יאהר פון דעם שטאל טראסט איז געווען איבער צוויי טויזענט מיליאן דאלאר.

סי. פי. אר. האט געהאט א גוטען חודש

די קענעדיען פאסיפיק רעילוועי האט אינ׳ם חודש יאנואר פון דאס יאהר געמאכט א נעטען פראפיט פון א מיליאן מיט 801 טויזענט דאלאר.

די אויסגאבען פאר דעם חודש זענען געווען איבער א מיליאן דאלאר, און די איינגאהמע איבער 13 מיליאן דאלאר.

דער פראפיט פון דער אייזענבאהן אין דעם חודש איז געווען א טאפעלער אין פארגלייך מיט די פארדיענסטען אין דעם זעלבען חודש פון יאהר 1925. פארשטעהט זיך אז דער דאזיגער פראפיט קען ניט פארגליכען ווערען מיט׳ן חודש יאנואר פון 1916 ווען די קאמפאניע האט געמאכט א נעטען פראפיט פון איבער צוויי מיליאן דאלאר, אבער אזא חודש האט שוין די קאמפאניע ניט געהאט פאר פיעלע יאהרען.

דייטשע באנדס אין די שטאאטען

אין יאהר 1925 זענען פארקויפט געווארען אין די שטאאטען פאר 340 מיליאן דאלאר דייטשע באנדס. דאס הייסט ניט נאר רעגירונגס באנדס נאר אויך אינדוסטריעלע.

כמעט אלע באנדס ברענגען אריין פון זיבען ביז 7 און א האלבען פראצענט, אויסער דער האמבורג אמעריקאן ליין וועלכע צאהלט פאר איהרע באנדס זעקס און א האלבען פראצענט.

אויפ׳ן סטאק מארקעט ווערען די דאזיגע באנדס באטראכט אלס א זעהר גוטער און זיכערער אינוועסטמענט.

איסלענדישע געלט

דער אויסלענדישער געלט מארק איז לעצטע וואך כמעט געווען גאנץ סטאבילנע חוץ דעם וואס דער ענגלישער פונט האט זיך אביסעל געוואויגען אהין און צוריק, אבער ארום דער ענדע פון דער וואך איז דער פונט צוריק געשטאנען גאנץ סטאבילנע אויף 4 דאלאר מיט 85 און א האלבען סענט, כמעט דאס זעלבע איז געווען מיט דייטשע און פראנצויזישע פראנק.

דער קענעדער דאלאר האט זיך אבער א וויעג געטאן א דאנק דעם וואס קענעדע דארף אריבערשיקען נאך די שטאאטען 50 מיליאן דאלאר אין גאלד צו באצאהלען א רעגירונגס חוב.

דער ערשטער ״גאלד שיפמענט״ איז געווען לעצטע וואך ווען זיבען מיליאן דאלאר אין גאלד איז אונטער א ״שטארקער״ וואך אפגעשיקט געווארען. דאס וועט מעגליך ווירקען אז דער אמעריקאנער דאלאר וועט זיך הויבען אין קענעדע.

פאר די לעצטע זעקס טעג האט זיך דער אמעריקאנער דאלאר געהויבען אין קענעדע און האלט יעצט ביי פינף אכטעל פראצענט. עס איז אמת ניט קיין גרויסער פראצענט, אבער נעהמענדיג אין אנבעטראכט אז מיט א קורצער צייט צוריק איז דער אמעריקאנער דאלאר געשטאנען נידעריגער פון דעם קענעדער דאלאר איז דאס א גאנץ גרויסער פראצענט.

מיט דעם וואס מעהר גאלד פון קענעדע ווערט ארויסגעשיקט נאך די שטאאטען פארגרעסערט זיך דער פראצענט אויפ׳ן אמעריקאנער דאלאר.

דער גאלד ראש אין רעד־לייק

דער קענעדער גאלד ראש אין רעד־לייק האט אנגענומען א גאנץ ערנסטען כאראקטער. דערווייל איז נאך צו פריה צו ריידען וועגען דעם ווי וועגען א סטאבילנער פינאנציעלער אונטערנעהמונג ניט אבטענדיג אויף דעם וואס סטאקס ווערען פארקויפט.

עס איז אמת אז גאלד איז שוין אין דעם דאזיגען זעהר קאלטען געגענד פון אנטעריא געפונען געווארען, אבער דאס זענען נאך אליין ניט מעהר ווי ספעקולאציעס. דער גאנצער געגענד פון רעד לייק איז א ווילדער ניט קיין בעארבייטער. עס איז דארטען ניטא קיין קאמיוניקאציע, קר מען אהין דארף מען מיט הינט אדער מיט ערעפלאנען, און ווען גאלד וועט אפילו געפונען ווערען אין א גרויסער מאס וועט עס אויך נעהמען גאנץ לאנג ביז יענער געגענד וועט ציוויליזירט ווערען אזוי אז עס זאל ברענגען פראקטישע נוצען.

אידישע פוטבאל שפילער פון א פא קומען צו פארמעסטען מיט אמעריקא

דער ווינער ספארט קלוב ״הכח״ און זיינע ציעלען

פון א. קראפטמאן

די ידיעה אז דער נאציאנאל אידישער ספארט קלוב ״הכח״ פון ווין קומט אהער מיט דעם צוועק זיך צו פארמעסטען מיט די אמעריקאנער פוט־באל שפיעלער, האט ארויסגערופען א באדייטענדען אינטערעס ניט בלויז אין די אמעריקאניש אידישע קרייזען, נאר אויך אין דער אמעריקאנער ספארט וועלט בכלל. אידישע יונגע לייט וואס גיבען זיך אפ מיט ספארט זיינען ביי אונז קיין נייעס ניט. מיר געפינען זיי אין אלע שטעדט און זיי נעהמען א טיכטיגען אנטייל אין די פארשיעדענע ספארטס פון לאנד. אבער זיי זיינען אויסגעמישט מיט די אמעריקאנער; זיי טראגען ניט קיין באזונדערען נאציאנאלען כאראקטער און ווערען ניט באטראכט אלס אידישע ספארט לייט. עס איז צום ערשטען מאל וואס די אמעריקאנער ספארט וועלט דערוויסט זיך וועגען עקזיסטענץ פון דעם אידישען ספארט קלוב, צום ערשטען מאל פארשפרייט זיך אין איהרע קרייזען דער נאמען ״הכח״; און איהר איבערראשונג מוז זיין נאך גרעסער, הערענדיג אז אט די ״הכח״ לייט, אט די אידישע פוס־באל שפיעלער זענען גרייט צו קומען אהער אין דעם קלאסישען לאנד פון פוט־באל און פרובירען זיך בכח צו טשעלענדזשען די אמעריקאנער טיעמס אויף זייער אייגענעם באדען.

פאר די אידישע לעזער איז דער נאמען ״הכח״ ניט גאנץ פרעמד. אט דער נאציאנאל אידישער ספארט־קלוב האט זיך פון צייט צו צייט געלאזט הערען אין משך פון די לעצטע עטליכע יאהר דורך זיינע אפטע צוזאמענשטויסען מיט די עסטרייכישע ״האקענקרייצלער״ און דורך די מעטש־גיימס וואס דער פוט־באל טיעם האט געשפיעלט און געוואונען אין פארשיעדענע לענדער פון אייראפא דאך זיינען די ידיעות געווען צו מאגער, אזוי אז זיי האבען ניט געקענט געבען קיין גענויען באגריף וועגען דעם אמת׳ן כאראקטער פון דעם דאזיגען אידישען ספארט קלוב, זיינע ציעלען און זיינע אויפטועונגען. מאנכע האבען געדענקט, אז דער ״הכח״ באשטעהט אויסשליסליך פון פוס־באל שפיעלער. די מעהרסטע האבען געקוקט אויף איהם ווי אויף א פשוט׳ע ספארט ארגאניזאציע, ווי וואס פאר עס איז אנדער ספארט קלוב, אבער ער איז א סך גרעסער און זיינע ציעלען פיעל ברייטער ווי מען האט זיך דא פארגעשטעלט.

דער נאציאנאל אידישער ספארט־קלוב ״הכח״ איז באזירט אויף און אידעאל. ער האט זיך געגרינדעט מיט 17 יאהר צוריק אין ווין מיט דעם צוועק צו פארשפרייטען די אידעע פון קערפערליכער ענטוויקלונג צווישען די אידישע מאסען און צו דעם צוועק געווינען די אידישע יוגענד פאר אלערליי ספארט טעטיגקייטען. די ארגאניזאציע איז צוזאמענגעשטעלט פון אומגעפעהר פיער הונדערט גרופען פון אידישע יונגע מענער און יונגע פרויען, וועלכע זענען פאראינטערעסירט אין אטלעטישע קונסטען און פארנעהמען זיך מיט פארשיעדענע ספארט טעטיגקייטען, ביי וועלכע זיי זענען געקרוינט געווארען אלס טשעמפיאנס אין פוס־באל, ראנגלען, שווימען און אנדערע אפטיילונגען פון אטלעטישע טעטיגקייטען פון אייראפא.

די דאזיגע גרופען זענען פארשפרייט איבער גאנץ אייראפא, ענגלאנד, ארויסגעלעכענט. די גרופען אין ווין אליין באשטעהען פון אומגעפעהר פינף טויזענט מענער און פרויען פון אידישען גלויבען, און דארט, מעהר ווי אין וואס פאר עס איז אנדער צענטער פון אייראפא, האבען זיי דערגרייכט צו א מדרגה פון פאלקאמענהייט אין ספארטס. דער וויענער ״הכח״ האט א פוס־באל טיעם וואס האט זיך ענטוויקעלט, ניט קוקענדיג אויף אומגינסטיגע באדינגונגען אין משך פון קריעג און די יאהרען נאך דער מלחמה. היינט זיינען אט די אידישע פוס־באל שפיעלער די מייסטערס, די טשעמפיאנס פון אייראפא. זיי האבען באזיעגט די פוס־באל טיעמס פון ענגלאנד, שפאניען, שווייץ, שווידען, פוילען, טשעכא סלאוואקיע און עגיפטען. זייער זיעג אין ענגלאנד האט געמאכט א רושם אין דער גאנצער וועלט. אין 1923 זיינען זיי געקומען קיין ענגלאנד אויף דער איינלאדונג פון דער ענגלישער פוט־באל אסאסיאיישאן, און האבען געקעמפט אין א מעטש גיים מיט דער ״וועסטהעם יונייטעד״, די ענגלישע טשעמפיאנס. די ״וועסטהעם יונייטעד״ האבען זיי געשלאגען 5 צו 0.

איצט גרייטען זיך אט די אידישע פוס־באל שפיעלער אריבער צוקומען קיין אמעריקא, און די פארשטעהער פון ׳הכח׳

(פארזעצונג אויף פייזש 5)

תל אביב און בערדיטשעוו

(פעליעטאן)

פון יצחקי

א קליין שטיקעלע נייעס:

,,דער פאליציי־אפיס אין בערדיטשעוו איז יעצט דורכאוים א אידישער. אלע פארהאנדלונגען און פראטאקאלען ווערען געפיהרט אין דער אידישער שפראך.

,,דאס איז דער ערשטער אידישער פאליס־סטיישאן אין סאוועט רוסלאנד״.

ווי איהר זעהט איז דאס גאנצע שטיקעל נייעס די גרוים ווי א האלבער גענעץ, און דאך האט עס מיר פאראינטערעסירט צו שרייבען וועגען דעם א פעליעטאן — טאקע דעם זעלבען פעליעטאן וואס איהר לייענט איצט.

תל־אביב און בערדיטשעוו — וואס פאר א מהלך עס איז צווישען איין שטאדט און דער צווייטער, און דאך האבען די ביידע שטעדט א גאנץ נאהענטע קרובה׳שאפט צווישען זיך. עפעס, א געהיימעס פערימעל פארבינדעט די דאזיגע צוויי שטעדט, טראץ דעם וואס איינע געפינט זיך אין רוסלאנד און די צווייטע אין ארץ ישראל.

שוין, שלום־עליכם האט פארשטאנען ווי צו אפשאצען דעם ווערט פון בערדיטשעוו. ער האט, ווייזט אוים געזעהן מיט רוח הקודש, אז דער דאזיגער שטאדט שטעהט פאר צו שפיעלען אמאל א גרויסע ראליע אין דער אידישער געשיכטע, און ער האט זי פאראייביגט אין זיינע ווערק. אמת, ער האט אפשר דאמאלסט ניט געוואוסט, אז עס וועט אמאל זיין א סאוועט רוסלאנד, וואס וועט שטארק ,,ליבען״ אידען, און וועט וועלען פון זיי מאכען ,,סטראזשניקעס״... און ער האט זיכער אויך ניט געוואוסט אז די זעלבע סאוועט רוסלאנד וועט דוקא אויסדערוועהלען בערדיטשעוו, אלס די ערשטע שטאדט אין לאנד, וואו דער ערשטער אידישער פאליס־סטיישאן זאל איינגעפיהרט ווערען, פונדעסטוועגען האט ער אויסדערוועהלט נאר בערדיטשעוו אלס דעם ,,בחיר היצורים״, די מוסטער שטאדט פאר זיינע קליינשטעדטעלדיגע שילדערונגען.

בערדיטשעוו — עפעס ליגט באהאלטען א מאדנע מיסטישע קראפט אין דעם דאזיגען נאמען, וואס האט אין זיך א מאדנעם פארבארגענעם כח צו צוציהען א קליינשטעדטעלדיגען אידען, און דערפאר איז זי תמיד געווען באריהמט, שטארק פאפולער ביי אידען. און איצט, בעת אנדערע אידישע שטעדטלאך אין רוסלאנד זענען אפשר אינגאנצען אונטערגעגאנגען, איז ווידעראמאל בערדיטשעוו פאפולער מיט איהר אידישקייט.

בערדיטשעוו איז א אידישע שטאדט. זי איז די צווייטע נאך תל־אביב. און ביידע האבען זיי אידישע פאליציי, מיט וואס זיי שטאלצירען נאטירליך. ניט מעהר, וואס בעת תל־אביב רופט אן איהרע פאליסלייט מיט׳ן שעהנעם חומש־נאמען ,,שוטרים״, האט אבער בערדיטשעוו זיי א נאמען געגעבען אויף ,,פליין״ מאמע־לשון ,,סטראזשניקעס״, אדער מיליציע, אדער גאר ,,וועכטער״...

אייגענטליך איז עס ניט קיין גרויסער אונטערשיעד אויב זיי רופען זיך ,,שוטרים״ אדער ,,וועכטער״, דער עיקר איז דאך זייער אידישקייט, אדער זייערע פליכטען צו אפהיטען דאס ,,אידישקייט״, און דא שטעלט זיך אוועק די הארבע קשיא:

— וועלכע אידישקייט?

אונזער ,,אידישקייט״ איז היינט ברוך־השם אזויפיעל איינגעטיילט אין תרפ״ט מאל תרפ״ט קלענערע און גרעסערע, אפגעריסענע טיילכלאך, אז עס איז באמת שווער צו וויסען וואס עס איז אזוינס ,,אידישקייט״, און וועמעס אידישקייט זאל למשל דער אידישער פאליסמאן פריהער אפהיטען.

דער בערדיטשעווער פאליסמאן האט אויף זיך א חוב, צו אפהיטען צום ביישפיעל דאס גלות אידישקייט. ער מוז זעהן אז דער אידישער גלות זאל חלילה ניט אונטערגעהן... ער מוז אפהיטען די אידישע שפראך וועלכע סימבאליזירט דעם גלות, אז זי זאל חלילה פון קיינעם ניט פארלעצט ווערען מיט׳ן העברעאיזם, בעת דער תל־אביב׳ער פאליסמאן, האט אלס חוב צו אפהיטען די העברעאישע שפראך וועלכע סימבאליזירט ארץ־ישראל, אז זי זאל חלילה ניט פארלעצט ווערען פון דעם גלות׳דיגען אידישיזם. און עס קומט אוים אז בערדיטשעוו מיט תל־אביב פיהרען צווישען זיך א מלחמה — דורך זייערע אידישע פאליסלייט, מיט דעם צוועק צו פארטיידיגען דאס אידישקייט.

א אידישע מלחמה, הייסט עס.

מילא, בין איך זיך מודה ומתודה, אז איך האב נאר קנאה וואס מורא פאר אידישע מלחמות און פאר אידישען מיליטאריזם, און אפילו פאר די אידישע פאליסלייט האב איך אויך קנאה וואס מורא, נאר וואס דען. עפעס געפעלט מיר ניט די גאנצע מעשה מיט דער אידישער מלחמה. אט אזוי ווי איהר קוקט מיך אן, בין איך דוקא א פאסיפיסט און האב מורא׳דיג פיינט צו שמעקען פולווער... איהר וועט למשל ביי מיר גיכער פועל׳ן, אז איך זאל אריינשמעקען אין נאז אריין א גאנצע זשמעניע מיט טאבאק איידער איין ביסעלע פולווער... און דאס איז נאר דערפאר וואס איך האב געוואראפען אן אומ׳חן אויף מלחמות — איבערהויפט ווען עס האנדעלט זיך וועגען אידישע מלחמות.

א אידישע מלחמה האט ביי מיר א פנים ווי א דועל צווישען צוויי פליי אויפ׳ן שלאכטפעלד פון א קליין זעמדערלע, וועלכע שלאגען זיך איבער א שעהנער פליי־נקבה...

איך איז שוין אויסגעקומען צו זעהן אמאל אזא מלחמה? מיר אויך ניט, נאר איך שטעל זיך פאר, אז עס דארף זיין גאר אינטערעסאנט... ביידע פליי שטעהען צעררייטע איינע קעגען דער אנדערער, און האלטען בלאנקעניגע שווערדען אין די הענט. ביי דער זייט שטעהט די פליי־נקבה און איז גרייט צו איבערגעהן צו דעם, וועמ עס וועט ארויסקומען דער זיעגער אין דער שלאכט...

ס׳א שעהנע סצענע בנאמנות, אבער מענשען וואס שטעהען ביי דער זייט האבען פון דאס וואס צו לאכען. עס אמוזירט זיי די ערנסטקייט פון דער מלחמה צווישען די פליי, וועלכע קומען געוועהנליך ארויס צו׳מ׳מיתט, אהן א טראפען לעבענס־קראפט נאכדעם.

און טענה׳ט מען צו זיי, ,,צוליעב וואס, האט איהר נארענים זיך גדארפט שלאגען און ווערען אזוי צו׳מ׳מית׳ט, אז איהר האט געקענט זעהר לייכט איינגלייכען צווישען זיך דעם סכסוך און פארמיידען די גאנצע קריעג״... פייפען די פליי אויף אריין אין די אויערען אריין, און לאכען אויך אוים מיט בטיל. אזוי ווי ביי זיי וואלט געשטעקט די גאנצע חכמה, און ביי אייך א לעק אייך ניט.

אמת, שפעטער האבען זיי חרטה אויף דער מלחמה, און זיי אנטלויפען אייך פון פולווער וואו דער שווארצער פעפער וואקסט, אבער דאס טוען זיי ערשט ווען זיי הינקען שוין אויף א פוס...

זייט איהר פעט?

קאנט ווערען מאגערער אבער איהר מוזט זיך נעהמען אין די הענט

איהר וועגט צופיל? איהר קאנט פארלירען אייער וואג, אויב איהר ווילט. צופיל וואג קומט פון צופיל עסען.

האט איהר ווען עס איז געזעהן אויף א בילד פון א הונגער געגענעט א דיקען פעטען מענשען?

אייער פעטקייט איז ניט אייער ״נאטור״ און איז אייך ניט געקומען בירושה פון פאטער.

עס קאן אבער זיין, אז איהר האט פון אייער פאטער געירש'ענט זיין כאראקטער שטריך פון א גרויסען עסער. עס קאן זיין, אז ביים פאטערס טיש האט איהר זיך איינגעוואוינט צו עסען א סך.

און זיים איהר צו דיק, און איהר ווילט ווערען מאגערער, איז פאראן פאר אייך א האפנונג. דר. וויליאם ל. סאנסאן, פון ניו יארק, האלט, אז דער זיכערסטער וועג, ווי אזוי צו ווערען מאגערער, איז קודם כל זיך צו באראטען מיט אייער דאקטאר און דערנאך טאן וואס ער וועט אייך ראטען.

עס איז געפעהרליך צו פארלירען וואג צו שנעל. נאך געפעהרליכער איז, ווען איהר נעהמט זיך ״אפצעהרען״, ווען איהר זייט ניט גוט באקאנט מיט די כללים פון דיעטעטיק.

עס זענען פאראן א סך שפייזען, וואס ענטהאלטען געוויסע וויטעמינס, וועלכע זיינען נויטיג פאר אייער געזונט, און וועגען וועלכע די מעהרסטע מענשען הויבען גאר ניט אן צו וויסען.

איידער איהר נעהמט זיך אפצעהרען, דארפט איהר דורכמאכען א גרינטליכען פיזישען עקזאמען.

איהר דארפט זיך אפוועגען יעדע וואך, און אייערע עסענס דארפען באשטימט ווערען פארזיכטיג און געהעריג.

אין אייער דיעטע דארף זיין גענוג פליסיגקייט און גענוג שטאף, אבער ניט צופיעל נאהרונגס שטאף. אזא מין רעזשים קאן אויף א וויסענשאפטליכען אופן רעגולירט ווערען נאר פון א דאקטאר, וואס ווייס דיעטעטיק.

נאך א קלאס מענשען איז פאראן, וואס זיינען ניט צו דיק נאך, אבער זיי פונקטיג. זיי זיינען אויך ניט נארמאל. דערנעהענטערען זיך צו צוויי-הונדערש-צו אטדעם קלאס געהערען געוועהנליך מענשען אין די מיטעלע יאהרען, וואס האבען אויפגעגעבען איינגע פון זייערע יונגע טעטיגקייטען, און וואס האבען ענטוויקעלט די שלעכטע געוואוינהייט צו עסען מעהר, ניט ווייל זיי דארפען מעהר עסען, נאר ווייל עס האט א גוטען טעם.

געוועהנליך וועט איהר באקומען די געווינשטע רעזולטאטען, ווען איהר וועט אביסעל ווייניגער בנהמען עסען. געוועהנליך מיינט דאס א פארקלענערונג פון קוילענוואסער-שטאף שפייזען (קארבאהיידרייטס), ווי למשל, קארטאפעל, ברויט, רייבע ״פייסטרי״, און ווייניגער אזעלכע פעטס ווי פוטער, שמאנט, און פעטע פליישען, און מעהר פרוכט, און פון די גראזיגע שפייזען, שפינאט, סאלאט, סעלערי, קרויט און בלעטער קרויט.

דאס מיינט צו זאגען: נעהמען איין געוועהנליכע פארציע און ניט ווידערהאלען. דאס מיינט: האבען א דורכשניטליכען עסען און באנוצען דערביי אייער ווילענסקראפט.

די באפרידיגונג פון עסען איז דורכאויס א רעלאטיווע זאך. די מענשען, וואס עסען כסדר א סך, האבען גרויסע צוצויגענע מאגענס.

עס פארשטעהט זיך, אז עס פאדערט זיך א סך מעהר שטאף צו געבען אזעלכע מענשען דאס געפיהל פון פולקייט, וואס מיינט גענוג פאר א סך מענשען.

נאך די ערשטע עטליכע וואכען פון א רעדוצירונגס דיעטע, וועט דער מאגען, וואס וועט איצט האלטען און דארפען פארדייען ווייניגער שפייז, אנגעהמען א בעסערען מוסקולערען טאן און וועט ווערען קלענער.

דעמאלט וועט איהר שוין דארפען האבען א סך ווייניגער שפייז, כדי צו האבען דאס געפיהל פון ״פולקייט״.

ביים עסען, פונקט ווי ביי אלע אנדערע מענשליכע טעטיגקייטען, איז דער שכל דער קאנטראלירענדיגער פאקטאר.

ביי איינגע מענשען מיינט ״געהן עסען״ פשוט צוגעהן צום טיש, גארניט זאגען, עסען וויפיעל עס געהט אין זיי אריין, און דערנאך צוריק אוועקשטעלען דעם שטוהל אין א ווינקעל.

אזעלכע מענשען פארלירען א טייל פון לעבען, אויף וועלכען זיי האבען א רעכט.

רעדט ביים עסען, און איילט אייך ניט מיט'ן עסען. זייט געזעלשאפטליך. פארגעסט ניט ביים עסען, אז איהר זייט א מענש, און אז איינער פון די אונטערשיידען צווישען אייך און אנדערע חיות איז דאס, וואס איהר קאנט איבערגעבען געדאנקען צו אנדערע מענשען.

אויב איהר וועט זיך אזוי פיהרען, און איהר וועט זיך ניט איילען ביים עסען, וועט איהר אויסגעפינען, אז איהר דארפט האבען ווייניגער שפייז, און אז די צייט פון עסען מיינט מעהר איידער ביקאסט און ביפסטייק.

עס זענען פאראן איינגע כללים פארן עסען, וואס זענען שוין גענוג פארשפרייט צווישען ברייטען עולם, כאטש עס האלט נאך גאנץ ווייט דערפון, אז אלע מענשען זאלען אזעלכע כללים אפהיטען.

איינער פון די כללים איז: קייט לאנגזאם די שפייז און צוקייט עס גוט.

קיינער דארף קיינמאל ניט זיין צו פיעל פארנומען, אז ער זאל ניט האבען קיין צייט פאר עסען.

און ווי נאר איהר האט ביי זיך באשלאסען, אז אייערע געשעפטען פאדערען פון אייך אזוי פיעל צייט, אז איהר מוזט באשרענקען די צייט פון אייער עסען, האט איהר דורכדעם אויפגעהערט צו זיין דער בעל הבית איבער זיך און איבער אייערע געשעפטען.

אפט מאל וועט אייך עמיצער זאגען: ״אה, איך ווייס גוט, וואס מען דארף טאן, אבער איך האס עס, און איך קאן ניט, איך קאן איינפאך ניט!״

די גאנצע צרה ליגט אין אט דעם ״איך קען איינפאך ניט״. אויב איהר האט אייער גאנץ לעבען געטרונקען קאווע מיט שמאנט און מיט צוקער, וועט אייך דאס ערשטע מאל ניט זעהר שטארק שמעקען שווארצע קאווע.

פארקעהרט, אויב איהר טרינקט כסדר נאר שווארצע קאווע, וועט איהר איינזעהן, אז אזוי איז די קאווע בעסער, און אז עס איז גאר ניט גוט מיט שמאנט און מיט צוקער.

וואס אנבעלאנגט אונזער געפעהלען און ניט געפעהלען, פיהלען א טעם און ניט פיהלען קיין טעם אין עסענס, זענען מיר אין א גרויסער מאס שקלאפען פון געוואוינהייטען.

ווער איז דער גרעסטער שווינדלער אין לאנד? דער וואס נארט זיך אליין אפ. איהר קאנט ניט האלטען אין איין שטאפען אין זיך און ווערען דערביי מאגערער.

איהר דארפט ניט צוגנבענען ביים עסען אביסעל מעהר ״קארבאהיידרייטס״ און דערנאך זיך שווערען ביי בארד און פאות, אז די וואג איז פאלש.

זייט ערליך מיט זיך אליין. אויב אייך פעהלט ווילענסקראפט דאס אויסצופיהרען, דארפט איהר ניט אויפווארפען די שולד אויפ'ן דאקטאר, צו אויף דער דיעטע, אדער גאר אויף דער וואג, פארוואס איהר ווערט אליין ניט מאגערער.

א סך אדווערטייזמענטס ווערען ארמעטום פארשפרייט וועגען עפעס נייע וואונדערבארע ערפינדונגען, וואס וועלען אייך מאכען דינער איינס און צוויי. דאס איז אין די מעהרסטע פאלען דער ״ריינסטער אומזין״. דאס איז אזא מין נייע ערפינדונג, ווי אזוי ארויסצוקריגען דאס געלט פון אייער קעשענע.

אלערליי מעדיקאמענטען, וואס דארפען רעדוצירען די וואג, זיינען געפעהרליך. ווען איהר נעהמט איין אזעלכע רפואות, ריזיקירט איהר דערביי מיט אייער געזונט.

אמאל באנוצען די דאקטוירים אליין אזעלכע מעדיקאמענטען. אבער דאס טוען זיי נאר אין דעם פאל, ווען איהר געפינט זיך אונטער זייער שטרענגער אויפזיכט, און דאס נאר אונטער באזונדערע באדינגונגען.

אליין זאלט איהר קיינמאל אזעלכע רפואות ניט נעהמען. און עס איז א שאר צו פארלירען צייט אויף לייענען אלערליי שרייענדיגע אדווערטייזמענטס וועגען נייע מיטלען.

* * *

קריעת ים סוף

רבי מאיר זאגט: אז אין דער צייט וואס די אידען זענען געשטאנען ביים ברעג פון ים, האבען די שבטים געקריגט זיך צווישען זיך. איין שבט האט געזאגט: איך וויל צוערשט אריינשפרינגען אין ים און אן אנדער שבט האט געזאגט: איך וויל צוערשט אריינשפרינגען. דער ערשטער שבט וואס איז אריינגעשפרונגען איז געווען דער שבט בנימין, און ער האט זוכה געווען אז דער בית המקדש זאל געבויט ווערען אין דעם טייל ארץ ישראל, וואו ער האט זיך געפונען.

רבי יהודה זאגט, אז עס איז געווען פונקט פארקעהרט. איין שבט האט געזאגט ער וויל ניט אריינשפרינגען דער ערשטער אין ים, און אן אנדער שבט האט געזאגט, ער וויל ניט זיין דער ערשטער. איז געגאנגען נחשון בן עמינדב, דער נשיא פון שבט יהודה, און איז דער ערשטער אריינגעשפרונגען. אין דעם מאמענט איז משה געשטאנען און תפלה געטאן צו גאט, האט א בת-קול צו איהם געזאגט: מיינע ליעבע קינדער זינקען אין ים און דו פארלענגערסט דיין תפלה? האט משה געפרעגט: אבער, וואס זאל איך טון? און די שכינה האט איהם געענטפערט: ״דבר אל בני ישראל ויסעו״ — זאג די אידען, אז זיי זאלען געהן פאראויס — ״ואתמה את מטך״ און דו הויב אויף דיין שטעקען, — דאס וואס ער האט געטאן — און דערפאר האט יהודה זוכה געווען צו ווערען דער הערשענדער שבט ביי אידען.

דאס איז איינע פון א סעריע אגדות און מעשה'לאך וועגען יציאת מצרים. געזאמעלט פון מדרש, תלמוד, ילקוט און אנדערע קוועלען, און פארעפענטליכט פון דער ב. מאנישעוויטץ מצה קאמפאניע אין סינסינעטי.

ערפאלגרייכער אנפאנג פון געווערקשאפטען קאמפיין

עלף הונדערט דאלאר געזאמעלט אין סטענדערד טעאטער. — קאמיטעטען וועלען איצט ארבייטען אין די שעפער און באזוכען ארגאניזאציעס. — א. שיפלאקאוו און ד. רמז האלטען באגייסטערטע רעדעס וועגען די ארץ ישראל אידישע ארבייטער.

איינע פון די וואונדערבארסטע און אונפארגעסליכסטע פארזאמלונגען וועלכע זענען שוין פאר א צייט לאנג אזוי הארמאניש ניט דורכגעפיהרט געווארען ביי אונז אין שטאדט, איז געוועזן די פארזאמלונג זונטאג אווענט אין סטענדערד טעאטער, צו דער ערעפענונג פון געווערקשאפטען קאמפיין, צו שאפען 10 טויזענט דאלאר פאר די אידישע ארבייטער אין ארץ ישראל.

זעלטען ווען עס געלינגט דורכצופיהרען אזא שעהנע און רוהיגע פארזאמלונג פון אזא גרויסען עולם, ווי עס איז געלונגען זונטאג ביי די וועלכע זענען געקומען ענטפערען דעם רוף פון די ארץ ישראל ארבייטער, דורך די היגע אידישע ארגאניזירטע ארבייטער, א דאנק דעם שעהנעם פראגראם, די זעהר געלונגענע באגייסטערטע רעדעס און דער אינטערעס פון די אנוועזענדע צו הערען דעם אמת פון איינעם וועלכער איז ספעציעל געקומען פון ארץ ישראל צו דערצעהלען ווער עס זענען די ארץ ישראל ארבייטער, און וואס עס איז זייער אויפגאבע.

נאך דער קורצער ערעפנונגס רעדע פון א. רייזנוויין, רעדאקטאר פון ״זשורנאל״, וועלכער האט ערקלעהרט די אויפגאבען פון קאמפיין, דעם צוועק פון דער פארזאמלונג, און איבערגעגעבען זעהר געלונגען דעם מאטיוו פארוואס די ארץ ישראל ארבייטער זענען פריוויליגירט, ווייל ארץ ישראל איז איצט דער איינציגער אימיגראציאנס צענטער פאר אלע אידישע ארבייטסלאזע, האט ער פארגעשטעלט א. קירזשנער, ביזנעס אגענט פון דער קלאוקמאכער יוניאן, וועלכע האט דעם קאנפערענץ איינגערופען.

״מען פרעגט אונז פארוואס די קלאוקמאכער יוניאן איז געווארען ציוניסטיש? — האט א. קירזשנער אנגעהויבען זיין רעדע — און איך פרעג:—

״פארוואס מעגען מיר זיין אקטיוו אויף אלע געביטען, פארוואס מעגען מיר העלפען די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט און פארוואס טארען מיר ניט העלפען אייגענע אידישע ארבייטער?

״מיר זענען ניט פאראינטערעסירט אין ארץ ישראל מיר זענען אבער וויליג צו העלפען אידישע ארגאניזירטע ארבייטער, און אלס אזעלכער בין איך שטאלץ מיט מיין יוניאן, וועלכע איז די ערשטע צו ענטפערען דעם הילפס רוף פון אידישע ארגאניזירטע ארבייטער״.

קירזשנער'ס הארציגע ווארטער זענען באגלייט געווארען מיט לאנג דויערענדע אפלאדיסמענטען.

א לענגערע זעהר כאראקטעריזירענדע רעדע וועלכע האט געמאכט א גרויסען רושם אויף די צוהערער, האט געהאלטען דער וועטעראן פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג א. שיפלאקאוו.

ער האט אנגעהויבען זיין רעדע מיט א קורצער רוסישער ערצעהלונג וועגען א פויער וואס זיצט זיך רוהיג ווען זיין דארף ברענט, ערקלעהרענדיג אז דער ווינט בלאזט ניט צו זיין ריכטונג, און דערפאר דארף ער ניט העלפען לעשען דאס פייער.

״אמאל האט מען וועגען דעם געשריבען, היינט ווערט עס געטאן אין לעבען און גראדע ביי אונז אידען.

״די אידישע ארגאניזירטע ארבייטער אין ארץ ישראל האבען אנגעהויבען צו שפיעלען א נייעם טאן אין דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער באוועגונג, און איך שלים זיך אן מיט זיי, ווייל ווען די אידישע ארבייטער וועלען זיך פאראייניגען מיט דעם אינטערנאציאנאל, וויל איך אויך הערען דעם אידישען טאן אום די סימפאניע זאל זיין א גאנצע״.

א. שיפלאקאוו האט צוגלידערט די טענות פון די געגנער און פארליימדער פון ארץ ישראל, און אנגעוויזען אז די טענות, אז דאס לאנד איז ניט גרויס גענוג, אז עס איז פוסט, און אז די אידישע ארבייטער דארפען ניט העלפען די ארץ ישראל ארבייטער, זענען בלויז פון שמאלקעפיגע מענשען, וועלכע זעהען ניט ווייטער ווי זייער אייגענעם איך.

״מיר שאפען דעם רוקען-ביין פון דער אידישער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט, וועלכער הויבט זיך אן ארויסצוזעהן פון ארץ ישראל; מיר האבען באזארגט אלע לענדער ביז איצט, און דערפאר האבען מיר א רעכט צו קומען פארערען עפעס פאר זיך. מיר ווילען זיך אויפהערען ווארפען אונטער די פיס״ — האט שיפלאקאוו פארענדיגט זיין זעהר הארציגע רעדע, וועלכע איז געוועזן דורכגעדרונגען מיט פיעל הומאר. — ״איך געה איבער פון ווערטער צו מעשים, און איך וויל זעהן ווער עס גיט געלט״.

אלס ענטפער אויף זיין ווארימען אפיעל איז געזאמעלט געווארען די סומע פון עלף הונדערט דאלאר.

דוד רמז איז געוועזן דער לעצטער רעדנער פון דעם אווענט, און צוליעב דעם וואס עס איז געוועזן שפעט, איז זיין רעדע געוועזן א זעהר באגרעניצטע.

״איך ברענג אייך א גרוס פון דער ׳הסתדרות׳ פון ארץ ישראל״ האט ער אנגעהויבען — ״אט אלע נעמען מיט וועלכע מען באצייכנט די ארבייטער פון ארץ ישראל, ווי אידעאליסטען, חלוצים, קרבנות, זענען ניט ריכטיג. מיר זענען אידישע רעוואלוציאנערען, מיר זענען פאנטאזיארען, און מיר בויען ארץ ישראל צי איהר ווילט, צי איהר ווילט ניט. אונזער איינציגער פעהלער איז וואס מיר זענען אידען, אידישע ארבייטער, און דערפאר ווערען מיר פארשוויגען, דערפאר ווערען מיר פארליימדעט, דערפאר באקעמפט מען אונז. ווען אנדערע ארבייטער וואלטען די ארבייט געטאן, וואלט מען די וועלט פארטויבט מיט דעם נייעם אויפטו. וועגען אונז שוויגט מען. פארליימדונגען וועלען אונז אבער ניט פארשטומען, אונזערע מעשים וועלען זיך ניט לאזען דערשטיקען ווייל מיר ארבייטען געטריי, ווייל מיר זענען פארנומען מיט פראקטישע ארבייט.

״פונקט ווי מען האט געלאכט פון די וועלכע האבען גע'חלומ'ט פון דער רוסישער רעוואלוציע, אזוי לאכט מען פון אונז. די רוסישע רעוואלוציע איז שוין באוואוסט, אונזער רעוואלוציע אין אידישען לעבען וועט אויך קורצליך איהר וועג געפינען״.

רמז האט אין קורצע שטריכען איבערגעגעבען וועגען דעם ארבייטער לעבען אין ארץ ישראל, און פארענדיגט מיט א וואונש, ניט צו געבען קיין צדקה פאר ארץ ישראל, נאר א מעגליכקייט צו בויען דאס רעוואלוציאנערע אידישע לאנד, דורך די רעוואלוציאנערע אידישע ארבייטער.

צווישען די גרעסערע סומען וועלכע זענען בייגעשטייערט געווארען אין טעאטער, זענען געוועזן: לאיער י. ל. קאהען, 100 דאלאר; פרויען פיאנערען קלוב, 100 דאלאר, צעירי ציון, 100 דאלאר; ל. סייבעל, 50 דאלאר. צו 25 דאלאר: משה גראפשטיין, די בני ציון ארגאניזאציע, א. ב. בענעט, און דר. פיווניק.

א קדיסט, און אנגעשטעלטער ביי משה גראפשטיין אין געשעפט, האט בייגעשטייערט פינף דאלאר.

די מוזיקאלישע אפטיילונג איז דורכגעפיהרט געווארען זעהר געלונגען פון פרייליין לילי גארפינקעל (געזאנג), אקאמפאנירט ביי מיס גודפעלאו.

לילי גארפינקעל איז א פנים חדשות ביי אידישע אונטערנעהמונגען, עס איז איהר צווייטער עפענטליכער ארויסטריט ביי אזעלכע אונטערנעהמונגען, און זי האט זעהר שטארק אויסגענומען מיט איהר זינגען, איבערהויפט מיט די אידישע פאלקס ליעדער וועלכע זי זינגט מיט געפיהל און אידישען חן.

די שטארקע אפלאדיסמענטען האבען באוויזען אז דער עולם האט פאר זיך געהערט א נייעם טאלאנט, וועלכער אפעלירט צו אידען דורך זייערע פאלקס ליעדער, און פארשפרעכט פיעל.

איהרע געזונגענע ליעדלאך האבען ווירקליך צוגעגעבען פיעל שטימונג צום אווענט.

עס האבען זיך אויך באטייליגט מר. ב. דזשעראַרד (וויאלין), אקאמפאנירט ביי מיס בעקערמאן.

דורך א טעות איז אין אונזער נעכטיגער אויסגאבע געוועזן געמאלדען אז מ. פאליאקאוו האט פארגעשטעלט א. רייזנוויין אלס פארזיצער. וועהרענד מ. פאליאקאוו איז גאר קראנק, ער ווערט באהאנדעלט פון א דאקטאר, און צוליעב דעם איז א. רייזנוויין געוועזן דער פארזיצער.

מיר גלויבען אז מר. פאליאקאוו וועט אין לויף פון עטליכע טעג זיך ערהאלען פון זיין קראנקהייט, און אומשטאנד זיין אנצופיהרען די קאמפיין ארבייט אויף א געהעריגען אופן.

* * *

פסח שטיצע פאר אידען אין רוסלאנד

פאלגענדע קייבעל איז ארויסגעשיקט געווארען פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע צו דר. י. ראזען, איהר דירעקטאר אין רוסלאנד:

א ריהע דרינגענדע בקשות וועגען פסח שטיצע זענען אנגעקומען צו דער סענטראל רעליעף קאמיטע פון די געגענדען פון כארקאוו, יעקאטערינאסלאוו, קיעוו, אדעס, האמעל, מאסקווע, לענינגראד, מינסק, קרעמענטשוג, פאלטאווע און סלוצק. מיר שלאגען פאר, אז איהר זאלט אויסטיילען פון די רעליעף געלדער, וואס איהר האט, וויפיעל איהר האלט פאר מעגליך פאר די פסח שטיצע אין די דערמאהנטע געגענדען.

(אונטערגעשריבען) דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע.

* * *

טייער פרייזען רעדוצירט

אלס רעזולטאט פון א מיטינג וואס איז אפגעהאלטען געווארען לעצטען שבת פון ראבער און טייער הענדלער זענען רעדוצירט געווארען די פרייזען פון ביליגערע קארטען אויטאמאביל טייערס, 30 ביי 30½ אינטשעס, פון 5 ביז 8 פראצענט.

אידישע פוטבאל שפיעלער פון אייראפא

(פארזעצונג פון פיידוש 4)

דר. יוליוס קראוז און דר. אלבערט מאזער געפינען זיך שוין דא ביי אונז אין לאנד צוצוטרייטען פאר זיי דעם באדען.

זייער אויפגאבע אין אמעריקא איז צישפיעלען מעטש-גיימס מיט אמעריקאנער פוט-באל טיעמס. צו דעם צוועק זענען די ״הכח״ פארשטעהער אויפגענומען געווארען פון דר. רענדאלף ג. באנינג, פרעזידענט פון דער פוט-באל אסאסיאיישאן פון ניו יארק סטייט, און עס ווערען איצט געמאכט ארענדזשמענטס אז דער טיעם פון ״הכח״ זאל שפיעלען א גיים מיט אן אויסגעקליבענעם טיעם פון די פוט-באל גרופען פון דער שטאדט ניו יארק און מיט אן אויסגעוועהלטען טיעם פון די פוט-באל גרופען פון ניו יארק סטייט. א חוץ דעם פלאנעווען זיי צו שפיעלען נאך צוויי מעטש גיימס אין ניו יארק און אן ערך זעקס גיימס אין די מזרח שטעדט פון די פאראייניגטע שטאאטען.

די ״הכח״ דעלעגאטען פיהלען אז ספארט אדער אטלעטיקס, פונקט ווי מוזיק און די אנדערע קונסטען, זיינען אלוועלטליך, און אז זיי האבען א דערהויבענעם ווירקונג ניט בלויז אויף די וואס גיבען זיך אפ דערמיט, נאר אויך אויף די פעלקער, וועמען זיי פארטרעטען. יעדע נאציאנאלע גרופע, קומענדיג פנים אל פנים מיט די אנדערע אין ספארטס, גיט איהר דאס בעסטע וואס זי באזיצט און אזוי אויך יעדע גרופע. איינע ווירקט אויף דער צווייטער.

אויסער דעם האפען זיי צו דערוועקען א נייעם אינטערעס אין ספארטס און אטלעטיקס צווישען די אידען אין אמעריקא און אויף אזא אופן העלפען אויפבויען א פעסטערע און געזונטערע ראסע.

(איטא)

גאראנטירט
ניט
געהייבערט

פול מיט געשמאקער, פליישיגער נאהראפטיגקייט — סערווירט זיי אפט.

Connors
BRUNSWICK
SARDINES

העלפט!

אייערע קרובים נויטיגען זיך אין אייער הילף. די צייט איז שלעכט, דער ווינטער איז א ביטערער, און עס קומט נעהנטער צו פסח.

שיקט זיי געלט און שיקט עס
דורך
דווארקינ'ס
באנק געשעפט און שיפס-קאנטאר
525 דאנדעס סטריט וועסט
טעלעפאן טריניטי 6744

שנעל, ביליג און זיכער, געצאהלט בלויז אין אמעריקאנער דאלארס. גלייך אין שטוב אריין, איבער גאנץ פוילען, רוסלאנד און רומעניען.

Genuine
BAYER
ASPIRIN

באשטעטיגט אלס זיכער פון מיליאנען און דאקטוירים פארשרייבען עס פאר:
קאלדס — קאפווייטאג — נערוועז — לאמביגא
שמערצען — ניוראלדזשיע — צאהן-ווייטאג — רומאטיזם

עס ווירקט ניט אויף דעם הארץ

Safe

נעהמט נאר א ״באיער״ פעקעל, וואס האט באקוועמע אנווייזונגען. הענטיגע ״באיער״ באקסעס פון 12 טעבלעטס אויך פלעשלאך פון 24 און 100 — ביי דראגיסטען.

אספירין איז דער טרייד מארק (רעגיסטרירט אין קענעדע) פון דער באיער מאנופעקטשור פון מאנאאסעטיקעסידעסטער פון סאליסיליקעסיד. כאטש עס איז גוט באקאנט אז אספירין מיינט באיערס, איז אום צו אפהיטען דעם עולם פון נאכגעמאכטע, זענען די טעבלעטס פון דער באיער קא. געסטעמפט מיט'ן טרייד מארק דער ״באיער קרייץ״.

פון אויווען פריש
צו טאראנטאר אידען אויפ'ן טיש!

מאנישעוויטץ-מצה

״די מצה מיט אלע מעלות״

אנערקענט פאר דער כשר'סטער, בעסטער און געשמאקסטער מצה אין דער וועלט. קומט אן אין טעגליכע שיפמענטס, דירעקט פון דער מאנישעוויטץ מצה בעקערי אין סינסינעטי פריש פון אויווען ארויס.

פערלאנגט אויך די מאנישעוויטץ מצה-מעהל, מצה-פארפעל, קעיק-מעהל און אייער-מצות. אלע צוזאמען פארזיכערען א פסח פון געזונד און פארגעניגען.

צו באקומען ביי אלע גראסערס און דילערס

אכטונג! אכטונג!

דער קרן היסוד קאמפיין אין טאראנטא וועט זיך אנהויבען דינסטאג דעם 13-טען אפריל 1926

פרייזען פון טאראנטא!

איהר ווערט העפליך איינגעלאדען צו קויפען אייערע פסח כלים, ווי טעפלאך, טעלער, גלאזווארג, קראקערי, זילבערווארג, ראדזשערס זילבער סעטס 1847 צו 25 דאלאר א סעט, מיט די שארפע מעסערס, און אלע הויז ארטיקלען אין

קאפלאנס

שעהנסטען הארדוואר סטאר

536 דאנדעס וועסט טעל, טריניטי 4185

פאזיטיוו דאס בעסטע און ראיעלסטע, ביליגער ווי איבעראל. אויב ניט צופרידען גיבען מיר אייער געלט צוריק. מיר דעליווערען פריי איבער דער גאנצער שטאדט. ארטיקלען איבער צעהן דאלאר ווערען דעליווערט אויסער דער שטאדט אויף אונזער רעכנונג.

אָרדערס גענומען דורכ'ן טעלעפאן. באנוצט זיך מיט דער געלעגענהייט און שפּארט צייט און געלט.

לואיס מ. סינגער

Singer, Macdonald, Richardson
Bruce, Osborne & Dashwood

געלט צו אנטלייען אויף ערשטע און צווייטע מארטגעדזשעס
לאיערס און נאטאריס
מעטראפאליטען בילדינג. עדלייד און וויקטאריא
טעלעפאנס עדלייד 7964, 7965, 7966

קויפט אייערע קוילען פון

יאנאווער בראדערס

וואו איהר באקומט בלויז גוטע ראדזשערס קוילען.

268½ קווין סט. וועסט. רעזידענץ טריניטי 8782. אפיס טעל. עדלייד 8766

לאיער גלאסס

רום 36—37 אימפיריעל באנק בילדינג. קארנער יאנג און קווין.
טעלעפאן עלגין 5419 — 5418 רעזידענץ מיין 1322
געלט צו לייען אויף מארגיידזשעס.

דער רויטער געזאלצענער, די בלויע סיינס אויף די פענסטער זענען דער באווייז פון זאלצמאנס נייעם הארדוועיר סטאר

מיר אנאנסירען איצט אונזער

זעקסטען יעהרליכען פסח סייל

שטופט זיך ניט אין א צייט ווען מען קען אייך ניט אטענדען. קומט זעהן אונזער איצטיגען ספעציעלע פסח סייל אויף קראקערי, גלאזווארג, אלומענום, אנעמעל טעפלאך, פענדלאך, זילבערווארג, הארדוועיר, פיינט, ווארניש, פארשיעדענע זייקס, פאליש, קאטלערי, אויך אלעס וואס מען דארף אין הויז־זאכען, ביליגער ווי איבעראל. נוצט אויס דאס געלעגענהייט. עס וועט אייך קאסטען ביליג, איהר וועט הנאה האבען און באהאנדעלט ווערען ריכטיג. קומט איצט זעהן אונזער סייל. עס וועט זיך אייך באצאהלען.

M. L. SALTZMAN,
530--2--4 DUNDAS ST. WEST. Tel. Trinity 8946

LOEW'S
וואך פון מערץ 8-טען
דער דזשאודרוש מ. קאהאן גרויסער ביהנע סוקסעס
„די סאנג און דענס מען"
טאם מור — בעסי לאוו
וואדעוויל

HIPPODROME
די גאנצע היינטיגע וואך
סימפסאנ'ס ספרינג פעשאן רעוויו
— און —
„די גרענד דאטשעס און דער וויטער"

REGENT
די צווייטע גרויסע וואך
„איף"
דזשעק ארטור פרעזענטירט
„די מאדלארקס"
פאפולערע פרייזן.

SHEA'S
די גאנצע היינטיגע וואך
הערי דעלף, ראזיטא
הערי האלמאן, קאן קאלעאנא, טעקסעס פיער, קענאן און ליע, קענעדע און בילדער.

EMPIRE
COLUMBIA BURLESQUE TWICE DAILY
די גאנצע היינטיגע וואך
„וויס און שווארץ רעוויו"
40 ווייסע — 35 שווארצע
75 מענשען

PANTAGES
NOW PLAYING
דאס גרעסטע בילד וואס ער האט ווען געמאכט
וויליאם ס. הארט
אין „טאמבל וויד"
— דער גרעסטער געלעכטער וואדעוויל־שאו.
אנהויבענדיג קומענדען שבת
„לארד דזשים".

שמע ישראל!

קומט הערען די 2 באוואוסטע חזנים פון שיקאגא

ה. ד. באסס
ט. גרינבערג

פרייטאג און שבת
אין טיקאל שוהל
זונטאג אווענט
א גרויסער קאנצערט
דער בענעפיט איז פאר'ן לאס אנדזשעלאס סאניטאריום.

STANDARD THEATRE

טעלעפאן טריניטי 4310

דינסטאג אווענט

איינ'ן אלגעמיינעם פארלאנג ווערט איינגעפיהרט

„ניו יארק ביי נאכט"

א גרויסער גאסט אין טעאטער

הער יעקב זילבערט

אונזער אלעמענס באליבטער שוישפילער טרעט אויף

פרייטאג אווענט שבת מאטענע און אווענט

אין זיין גרויסער סוקסעס פיעסע

„פארגעסענע קינדער"

פאזיטיוו בלויז פאר 3 פארש טעלונגען. באזארגט זיך מיט בילעטען באצייטענס

גרויסע איבערראשענדע נייעס

צו אלע טאראנטאר אידען! מיט גרויס מיה איז אונז געלונגען צו באקומען דאס געבענשטע 13 יעהריגע קינד, וועלכעס מען האט אין יוראפ געקרוינט מיט דעם נאמען דער קיעווער יונגער חזנ'דל. אויך האט ער באצויבערט אלע צוהערער פון יונייטעד סטייטס, און אויך פון קאנאדע, וואו ער האט געדאווענט אין די צוויי יאהר וואס ער געפינט זיך אין די לענדער. איצט וועט טאראנטא האבען דאס גליק צום ערשטען מאהל צו הערען דעם דרייצען יעהריגען חזן

מיכאל בארסוק

וועלכער וועט דאווענען

פרייטאג און שבת, פרשת ויקהל פקודי שבת מברכים ראש חודש ניסן, 12 און 13טען מערץ אין דער בית יעקב שוהל, 23 הענרי סטריט

טיקעטס פרייזען בלויז 50 סענט

ווארט ניט מיט קיין טיקעטס ביז דער לעצטער מינוט.

טיקעטס צו באקומען ביי:
מר. סילווערשטיין, 25 באלדווין סטריט.
שווארץ ברודער, 415 קווין סטריט וועסט.
ב. גאלדהאר, 360 קאלעדזש סטריט.
ק. גרינשפאן, 12 קענזינגטאן עוועניו.
אהרון לאדאווסקי, 338 ספעדיינע עוועניו.
פעסקאוויטש, 138 עליזאבעט סטריט.
ג. קאפלאן, 536 דאנדעס סטריט וועסט.
און ביים שמש פון דער שוהל, אלטער בלומענפעלד, 23 הענרי סט.
טעלעפאן טריניטי 1574.

דזשועלרי דזשאבס

פון אלע סארטען, אלערליי מעדאלס פריוואטע ווי אויך פאר מתנות ווערען געמאכט צו ארדער. אדער ריפעירס, ביים באוואוסטען דזשועלער

מ. העלער

750 קווין סט. איסט

טעלעפאן־דזשעראַרד 7863

ליידיס פאקעט בוקס געפיקסט גוט און ביליג.

סטארקיפערס, מאנופעקטשורערס, פעדלער

איצט פאר יום טוב באקומט איהר ביי מיר א גרויסען אויסוואהל פון מענס סוטינג, טוויטס, ענגלישע סחורות, פארשיעדענע סילקס, אלערליי זומער ווארעס, פארטוויל, שעמענס. אויך טיקינג צו די ביליגסטע דזשאבינג פרייזען אין מארקעט. צופרידענהייט און ראיעלקייט גאראנטירט דאנדעס קאר סטאפט ביי מיין טיר.

סטיצקי אימפארטינג. 762 דאנדעס וועסט

טעלעפאן טריניטי 5855

מענער און פרויען

טעלעפאנירט טריניטי 2628 2629

City DYE WORKS Limited

אין אונזער טראק וועט קומען נעהמען אייערע אלטע קליידער, קינדער קליידער, דרעסעס, קוירטענס און אלע אנדערע הויז ארטיקלען, און זיי צוריק ברענגען אויף פסח

געקלינט, געפארבט, און געפרעסט

אין בעסטען צושטאנד, און אין שעהנסטען ארדנונג.

אונזער פלאץ אין דער מאדערנסטער און בעסטער אין שטאדט. מיר האבען דעם נייעסטען סיסטעם פון ריינינגען קליידער, וועלכע שעדיגען ניט די איידעלסטע ארטיקלען.

סיטי דיי ווארקס

ס. זייד, א. שיידערסאן אייגענטימער

351 קאלעדזש סט.

אונזער נייע פעקטארי אין **138-146** קלערמאנט

טויזענטער אידען זענען אונזערע קאסטומער, זייט איינער פון זיי

ספעציעלע נייעס

גאלדבערג האט אריינגעקראגען א גרויסען סטאק פון פינ דאלאר ווערט. מיר האבען די שעהנסטע סטיילישע ווארעס. מיר מאכען מיט עקסטרא פענטס פאר $35.

ספעציעל פאר דעם מאנאט, פון די בעסטע בלויע סוירדזשעס פארקויפען אויך ווארעס און טרימינגס. קומט זעהן גאלדבערג פריהער בעפאר איהר גיט ערגעץ אנדערש, ווייל איהר וועט זיכער סייט זיין און זיין צופרידען.

GOLDBERG, Artistic Gents Custom TAILOR
0 Bathurst st., Toronto. Trinity 8389

לאיער ה. ראזענבערג

202 פעדעראל בילדונג

טעלעפאן עדעלייד 4504, הויז טעלעפאן לאמבארד 2682

בקוויז חזן וולאדאווסקי

איז אנשטענדיג, ריין און פארזיכטיג

אלס מוהל

און מסדר קידושין.

אלע עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבאטראכט, ווייל דאס איז אין זייער אייגענעם בענעפיט.

קאנטרי לייט קענען מיר אויך רופען אויף זייערע שמחות.

וואוינונג 62 בראנזוויק עוועניו.
טעלעפאן טריניטי 1076.
פאר טריניטי זוויליסט.

גאראנטירט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפאני

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הייז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. 422 בעי סטרים. טעלעפאן ארעלייד 8087

NEW YORK WINDOW CLEANING CO
422 BAY ST

מעות חטים

פאר די קראנקע אין די האספיטאלס
פאר די ארימע אין דער היים.

וואס איז אייערביישטייערונג?

שיקט אריין אייער ביישטייערונג אין פאראיינ'ס אפיס

26 סיסעל סטריט

אדער רופט אף ביים טעלעפאן טריניטי 7777

העלפט די ארימע און קראנקע צו מאכען יום טוב.

א. שער, פרעזידענט.

פינקטליך און ראיעל

ווען איהר זענט געזונט אדער חלילה קראנק

בעננס דראג סטאר

375 ספעדיינא עוועניו

(2 טיהרען פון סיסעל סטריט)

וועט אייך ריכטיג באדיענען. די בעסטע ארטיקלען וואס איהר דארפט נור אין א דראג סטאר.

פרעסקריפשאנס

ווערען פארזיכטיג געמאכט און אפגעשיקט אהיים.

מיר האבען אויך א נאכט־בעל.

טעלעפאנס:
טריניטי 2643. טריניטי 7413

LEON BENN, Phm. B.

פרעסקריפשאן ספעציאליסט.

פרייע קעפּס

מר. פעלדמאן, מאנופעקטשורער פון מענס און באיעס קלאדינג, לאזט וויסען אלעמען, אז צו יעדען מענס אדער באיעס סוט, וואס וועט געקויפט ווערען ביי איהם וועט צוגעגעבען ווערען א קעפ פריי, די סוטס זענען געמאכט פון די בעסטע ווארעס און ביליגע פרייזען.

בלוי סוירדזשענע סוטלאך מיט צוויי פאר פענטס 8 דאלאר און א קעפ פריי.

מענער סוטס פון 15 דאלאר און העכער, און נאך א סך בארגיינס, וועלכע מען קען ניט אדווערטייזען. מיר מאכען אויך צו ארדער מענס און באיעס סוטס.

קומט צו מר. פעלדמאן

519 קווין וועסט
טעלעפאן עדלייד 4792

צופרידענהייט גאראנטירט אדער דאס געלט צוריק.

דער באוואוסטער קוכער

ל. רייזמאן

איז מעהר ניט קיין פארטנער מיט מר. קרוגער. איך בין איצט פריי אנצונעהמען חתונות, פארטיס, באנקעטען צו דער בעסטער צופרידענהייט

ל. רייזמאן
129 דיארסי סטריט
טעלעפאן טריניטי J 9667

מאכט ניט קיין אפאוינטמענטס

פאר קומענדען

זונטאג, 14טען מארטש

2.30 נאכמיטאג

קומט הערען דעם איינציגען אידישען ארבייטער פארטרעטער אין קאנאדישען פארלאמענט

א. א. היפּס

(פון וויניפעג)

אין לייבאר לייסעאום

א שעהנע מוזיקאלישע פראגראם

ברייגנט מיט אייערע פריינט און קומט אין צייט.

קינדער אונטער 16 יאהר ווערען ניט אריינגעלאזט.

ארגאנזירט פון באארד און דירעקטארען פון לייבאר לייסעאום.

לאונדרי סורוויס

א נייער וועג וועלכער איז א גרינגער, א שעהנער און א צופרידענשטעלענדער פאר דער הויז־פרוי.

אלעס געוואשען, געפרעסט ביי ספעציעלע מאשינען, קיינע צייכענס אדער פינס ווערען ניט גענוצט.

יעדע פאמיליע וועש ווערט גע־האלטען באזונדער.

פראבירט די נייע מעטאדע, עס קאסט בלויז

11 סענט א פונט

טעלעפאנירט טריניטי 8333-4

א טיעבער אוטאמאביל איז ביי אייך אין נאס יעדען טאג.

Taber Laundry Works Ltd.
VAILS SYSTEM
for particular people
446 Bathurst st.
Halifax Ottawa Toronto

יעקב מ. בענעט

באריסטער, סאליסיטאר, נאטאריעס, א. ז. וו.

104 קאנטינענטאל לייף בילדינג
371 בעי סטריט
טעלעפאן עדלייד 2254
וועסט טאראנטא אפיס 2782
דאנדעס וועסט דזשאנקשאן 0636
וואוינונג טעלעפאן דזשאנקשאן 0698